היסטארישער

# חלוקת הירושה




ב. י. לאפללער

## חפצי ותשמישי קודש מורשת צדיק פון מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, צעטיילט געווארן בדרך הישר והטוב, בצדק וביושר, במעמד פון די אייניקלעך ומשמשים בקודש פונעם רבי'ן זצ"ל

מיט גרויס עקסטאז האבן אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר בפרט, און די גאנצע חסידי'ישע וועלט בכלל, נאכגעפאלגט **די היסטארישע חלוקת חפצי ותשמישי קודש**, מורשת צדיק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, וואס א גרויס טייל דערפון קומט בירושה מבית אבותיו רבותינו הק' זי"ע. **עס איז זיכער אז דער רבי דער ברך משה זי"ע שעפט נחת בגנזי מרומים ווי שיין די חלוקה איז צעטיילט געווארן בדרך הישר והטוב לויט גורלות**, במעמד די אייניקלעך און משמשים פונעם רבי'ן.



מ**יט גרויס עקסטאז האבן אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר** בפרט, און די גאנצע חסיד'ישע וועלט בכלל, נאכגעפאלגט די היסטארישע חלוקת חפצי ותשמישי קודש, מורשת צדיק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, וואס א גרויס טייל דערפון קומט בירושה מבית אבותיו רבותינו הק' זי"ע.

עס איז זיכער אז דער רבי דער ברך משה זי"ע שעפט נחת בגנזי מרומים ווי שיין די חלוקה איז צעטיילט געווארן בדרך הישר והטוב לויט גורלות, במעמד די אייניקלעך און משמשים פונעם רבי'ן.

## ארבעה ראשי הם - שוה בשוה

**די גאנצע ירושה** - אויסער די כלי כסף און נאך חפצים און ספרים וואס זענען צוריקגעקומען א טאג איידער דער מעמד החלוקה - **איז געווארן איינגעטיילט אין פיר חבילות שוה בשוה, באשטעטיגט דורך אלע קינדער פון רבי'ן זי"ע.**

אזוי ווי דער רבי דער ברך משה האט קלאר אנגעזאגט אין זיין צוואה, אז די **חפצי קודש, כתבי יד און ספרים, זאלן צעטיילט ווערן 'בשוה' צווישן די פיר זון,** האט מען מיט א געוואלדיגע פונקטליכקייט צוזאמגעשטעלט **'פיר פעקלעך' וואס זענען געווען איינגאנצן אויסגעגליכן, סיי אינעם געלט ווערד, און סיי אין די רוחניות'דיגע און היסטארישע חשיבות.**

צום ביישפיל, אויב אין איין פעקל איז געליגן די 'תפילין דרבינו תם פונעם קדושת יום טוב', איז אינעם צווייטן פעקל געליגן זיין הייליגע מנורה, ביז די חבילות זענען געווען שוה לגמרי ברוחניות ובגשמיות, מיטן גרעסטן מאָס יושר וצדק.

## סדר ומעמד החלוקה

דער מעמד החלוקה איז פארגעקומען פאריגע וואך דאנערשטאג פרשת נשא ב', וואס אט-דער היסטאָרישער טאָג, 'דאנערשטאג נשא ב' איז געווען דער לעצטער און ענדגילטיגער שטאפל אין דעם חדשים-לאַנגען אונטערנעמונג מיט אינטענסיווע פאַרהאַנדלונגען, וועלכע האָט נאָכגעפאָלגט מיטן **אויסעראָרדנטליכן מכתב בקשה והתראה, אונטערגעשריבן דורך אַלע קינדער און יורשים פונעם רבי'ן זצוק"ל, וואו אַלע קינדער הרבנים והאדמו"רים, ובראשם כ"ק מרן רבינו שליט"א, האָבן גע'חתמ'עט מיט אַ קלאָרן און אויסדריקליכן רוף צו יעדן וואָס האָט אין באַזיץ סיי וועלכע חפצי הירושה, זאָל מקיים זיין דעם 'והשיב את הגזילה', און עס צוריקקערן צו די יורשים דאורייתא.**

דער היסטאָרישער מכתב האט בשעתו אפגעקלונגען מסוף העולם ועד סופו, און דורכאויס די לעצטערע חדשים, ביז דעם אנגעגעבענעם ענד-דאַטום 'ל"ג בעומר', האָבן ווירקליך **אָן אַ שיעור חפצי קודש פון דער ירושה - דאַרונטער די הייליגע תפילין פון רביה"ק זי"ע, גע'ירש'נט פון מרנא ורבנא הקדושת יום טוב זי"ע - 'געמאַכט די וועג צוריק צום באַזיץ פון די יורשים דאורייתא,** אָנקומענדיג אין די הענט פון די געטרויבאַרע שלוחים ואפטרופסים, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן דורך די יורשים צו האַלטן די חפצים ביז ווען מ'וועט עס ענדגילטיג צעטיילן כדת של תורה.

דער מעמד החלוקה איז פארגעקומען אינעם פראכטפולן זומער שטוב פון הרבני הנגיד הנכבד ר' **ליפא פריעדמאן** הי"ו, מחשובי נדיבים לבית סאטמאר, א זון פון הרבני היקר דער געשעצטער רעספעקטירטער משב"ק, הרב רבי **משה פריעדמאן** שליט"א - וועלכער האט זיך אלע יארן אפגעגעבן מיט די ירושה. באותו מעמד האט מען ארומגעשמועסט איבער די אויסטערלישע זכי' און מאמענט, דער חשוב'ער משב"ק ר' **משה פריעדמאן** שליט"א האט **איינגעלייטעט דעם מעמד, און ארומגערעדט מפי ספרים וסופרים איבער די חפצים פון צדיקים און שרפי מעלה.**

דא דארף טאקע ארויסגעברענגט ווערן, אז טראצדעם וואס דער נדיב הר"ר ליפא הי"ו, וואס איז געשטאנען געצילעט מעת לעת פון דער שמחה במעון ביתו, בנישואי בתו למזל טוב, נעכטן זונטאג בהעלותך, האָט ער אָבער זיך אַוועקגעגעבן יומם ולילה, 24 שעה אין טאָג, צו פאַרזיכערן אַז אַלעס פירט זיך על צד היותר טוב, בלי שום מכשול, און געהאַט די זכי' עס דורכצופירן בפועל - **ובשביל שמסר נפשו עלי' האט ער געהאט די זכי' אַז היסטאָריע איז געשריבן געוואָרן טאַקע ביי אים אין שטוב** - ואין המצוה נקראת אלא על שם גומרה!

איבער דעם גאַנצן פראָצעדור איז געשטאַנען דער לעגענדאַרער משב"ק, החסיד המרומם רבי **משה פריעדמאן** שליט"א, איש אמונו וסודו פונעם רבי'ן זצ"ל במסירת נפש, וועלכער האָט בחכמתו ובבינתו געברענגט צו דער פריידיגער אַנטוויקלונג, און פאַרפיגט על כל הנעשה, אז ס'זאל געפירט ווערן ביושר ובצדק כראוי וכיאות.

איבער די טעכנישע איינצלהייטן איז געשטאַנען דער געטרייער איבערגעגעבענער הויז-בחור פונעם רבי'ן זצוק"ל, הרה"ח ר' **משה יצחק ווערטהיימער** הי"ו, וועלכער האט קאטאלאגירט די גאנצע ירושה, וואס באטרעפט אומשאַצבאַרע מיליאנען דאלארן, מיט חפצי קודש וואָס גייען אַרויף ביז צום הייליגן ראש השושילתא דער הייליגער ישמח משה זי"ע.

## המה עומדים על הגורל

ביים מעמד הגורל האבן זיך באטייליגט די באשטימטע נציגים פון די יורשים: **הגה"צ אב"ד סיגוט שליט"א**, בן **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א;** הגה"צ רבי **יואל טייטלבוים** שליט"א אב"ד **בית ברוך** קרית יואל בן


Moishe Teitelbaum
GRAND RABBI OF SATMAR
BROOKLYN, N. Y.
משה טייטלבוים
אבדק"ק סאטמאר
פה ברוקלין, נ. י. יצ"ו

דער מכתב הצוואה וואו דער רבי זצ"ל שרייבט אז מ'זאל אלעס צעטיילן שוה בשוה





דער היסטארישער מעמד החלוקה אין שטוב פון הנגיד ר' ליפא פריעדמאן הי"ו אין מאנסי

**אדמו"ר מהר"א שליט"א**; הרה"ג רבי **חיים הערש טייטלבוים** שליט"א בן **הגה"צ אב"ד זענטא שליט"א**; והרה"ג רבי **משה הורוויץ** שליט"א חתן **הרה"צ אב"ד סאטמאר 15 שליט"א**.

ווי אויך האט זיך באטייליגט הרב **שמואל טייטלבוים** שליט"א משב"ק, און הרה"ח ר' **חיים שלמה פישער** הי"ו.

אלס עדים געשטעלט אויפן גורל האבן געדינט די חשוב'ע רבנים הרה"ג ר' **שלום גליק** שליט"א ר"י 'מתיבתא' תורה ויראה, און הרה"ג ר' **שמעון כ"ץ** שליט"א דומ"ץ סאטמאר-מאנסי.

די גאנצע חלוקה איז פארגעקומען תחת פיקוחם פונעם לעגענדארן משב"ק החסיד המרומם רבי **משה פריעדמאן** שליט"א, אינאיינעם מיט דעם באַרימטן בונה ומקים עולמות, דער אפוטרופוס הירושה, החסיד המרומם רבי **אליעזר קעסטנבוים** שליט"א, רב ונשיא 'דמשק אליעזר', אינאיינעם מיט הרבני הנגיד הרה"ח ר' **מאיר הירש** הי"ו פון קרית יואל, וואס אין זיין בית מסחר זענען די חפצים געהאלטן געווארן בקדושה ובשמירה מעולה פאר די לעצטע צען יאר, און עס האט געהאט די סעקיורעטי קאמערעס צוטריט דורך אלע ממונים ואפוטרופסים אויף די ירושה.

## סדר הגורל:

די היסטארישע ירושה איז געווען איינגעטיילט אין פיר חבילות פאר די פיר זון פונעם רבי'ן זצ"ל, ווען יעדע חבילה איז געווען ווערד שוה בשוה לגמרי מיט אלע אנדערע חבילות בצדק וביושר.

ר' **משה פריעדמאן** שליט"א דער משב"ק, האט ארויסגעצויגן די ערשטע גורל, ווי **האדמו"ר מהר"א שליט"א** האט זוכה געווען אין **חבילה ב'** - די הויפט טייערע חפץ פונעם חבילה איז געווען **די הייליגע תפילין דרבינו תם פונעם הייליגן קדושת יום טוב זי"ע.**

הרב רבי **אליעזר קעסטנבוים** שליט"א נשיא דמשק אליעזר, וועלכער איז געווען דער אפוטרופוס געשטעלט דורכן רבי'ן דער ברך משה - האט ארויסגעצויגן דעם צווייטן גורל ווי **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** האט זוכה געווען אין **חבילה א'** - דער הויפט טייערער חפץ פונעם חבילה איז געווען **דער היסטארישער הבטחה ומכתב קודש כתב יד קדשו פון הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, צום הייליגן קדושת יום טוב זי"ע, 'בצפיותינו צפינו', וואס** **דאס האט פארזיכערט די גלארדייכע המשכת הדורות לבית סיגוט-סאטמאר.**

הרה"ח ר' **מאיר הירש** הי"ו פון קרית יואל, האט ארויסגעצויגן דער דריטער גורל, ווי **הגה"צ זענטא רב שליט"א** האט זוכה געווען אין **חבילה ג'** - דער הויפט טייערע חפץ פונעם חבילה איז געווען **דער מנורה הטהורה פונעם הייליגן קדושת יום טוב זי"ע.**

הרה"ח ר' **חיים שלמה פישער** הי"ו האט ארויסגעצויגן דעם פערטן גורל, ווי **הגה"צ סאטמאר 15 רב שליט"א** האט זוכה געווען אין **חבילה ד'** - דער הויפט טייערע חפץ פונעם חבילה איז געווען **דער 'מגילת אסתר' פונעם הייליגן קדושת יום טוב זי"ע.**

## וזא"ת ליהודה - ידיו רב לו

צווישן אנדערע חפצים אנגעקומען בחלקו של יהודה ביי כ"ק רבינו שליט"א זענען די פאלגנדע חפצים בתוך צענדליגער חפצי קודש אשר אי אפשר לפורטם כי רבים הם.

**בצפיותינו צפינו:** מיט חרדת קודש און רגשי דביקות **נפל בגורלו צום ממשיך השלשלת הק', דער בארימטער היסטארישער און זעלטן-פאראהייליגטער בריוו פון רביה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, געשריבן צום הייליגן קדושת יו"ט זי"ע, זונטאג ויקהל תר"ל, 'בצפיותינו צפינו'**

**ובמהרה תוושעו בזרע ברכת ה'.**

חיבה יתירה נודעת פונעם גרויסן אייניקל דער רבי זז"ג, וואס אויסער די געוואלדיגע דביקות און התקשרות און אט-די צוויי הייליגע זיידעס, און כידוע וואס דער רבי דער ברך משה ז"ל האט אויך מעיד געווען, אז ער ראט אריין אין זיי מיט די ענוות חן קודש און פשטות'דיגער הנהגה, טוט דער רבי כסדר דערמאנען ביי די שמועסן ביומא דהילולא און אנדערע זמנים, אט-די הייליגע בריוו מיט א געוואלדיגע רגש, זעענדיג אין דעם די המשכת הדורות פון משפחת המלוכה, און ווי באקאנט פלעגן עלטערע חסידים קומען קוקן אויף די צוויי הייליגע ברודער וואס זענען געבוירן געווארן מיט די הייליגע ברכה.

פארכטיגע ווערטער האט מען געהערט פונעם רבי'ן זי"ע בימי השבעה פון הרבנית חי' רויזא ע"ה, אויפן אנפראגע פון הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל, וויאזוי איז דאס אז דעם צאנזער רב'ס ברכה איז ליידער נישט נמשך געווארן ביים רבי'ן, האט דער רבי געזאגט מיט א קאך: **"פונעם סיגעטער רב וועט בלייבן דורות עד ביאת גואל, די ברכה פונעם דברי חיים וועט האבן א קיום'.** אט-דער הייליגער אוצר איז אצינד געקומען אל נחלת צדיקים תחת דגל מחנה יהודה.

# שאר חפצי קודש בתוככי החבילה בחלקן של יהוד"ה

נאך א זעלטן-ווערדפולער ספר איז אן אור החיים הק' דפוס ראשון, דפוס וויניצא, מרביה"ק זי"ע מיוחס למרן הק' בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע.

שער בלאט פון ספר ייטב פנים וואס שטאמט פונעם הייליגן יטב לב זי"ע.

תלמוד ירושלמי דפוס זיטאמיר מרביה"ק זי"ע.

סעט משניות יכין ובועז י"ג כרכים מרביה"ק זי"ע.

ספרי ושו"ת דברי חיים מרביה"ק זי"ע, מיט וואס דער רבי איז כידוע געווען דבוק דערין בכל נימי נפשו עד זיבולא בתרייתא.

גאלדענע געפלאכטענע הדס מרביה"ק זי"ע, וואס דער רבי דער ברך משה האט זיך באנוצט אסאך יארן ביים סדר-טיש.

די גאלדענע מזוזות פון מרן רביה"ק זי"ע



סידור היעב"ץ און תיקוני זוהר און וואס דער רבי האט עוסק געווען בחדשי אלול ותשרי.

גאר היסטאריש און זעלטן-חשוב איז דער בעקיטשע פונעם הייליגן עצי חיים זי"ע, וואס איז **אן איינציגסטער איבערגעבליבענער פון לבושי אותו צדיק, און איז אצינד אנגעקומען צום רעכטער אייניקל.** דער רבי דער ברך משה האט דאס געהאלטן ווי א שווארץ-אפל פון אויג, און דאס באנוצט אין ספעציעלע זמנים מיט אן אויסטערלישע אימה ופחד.

**טייל פון די חפצי רביה"ק זי"ע שנפל לגורלו של רבינו שליט"א**

ווייסע הויזן.

ווייסע וועסטל.

טאש טיכל.

הוט.

שטריימל.

זאקן.

גאלדענע געבענטשטע מטבע.

**טייל פון חפצי רבינו בעל ברך משה זי"ע שנפל לגורלו של רבינו שליט"א**

נוסח שטר תנאים פון רבינו בעל ברך משה זי"ע.

גאלדענע בית'לעך תפילין.

רש"י ורבינו תם תפילין.

היסטארישער 'הקפות ספר תורה' מיט זילבערנע מענטעלע.

זילבערנע שטעקן.

גאלדענע לוח יארצייטן.

גאלדענע מעסער.

גאלדענע מזוזות.

וואכנדיגע טלית מיט וואס דער רבי האט שופך שיח געווען לפני אבינו שבשמים מידי יום ביומו.

קיטל.

סידור עמדין.

טאשן זייגער.

תיקוני זוהר.

**כתבי קודש ממרנן רבותינו הקדושים ושאר צדיקים וקדושים**

כתב יד קדשו פונעם הייליגן חכם צבי, ייטב לב, קדושת יו"ט, עצי חיים, רביה"ק זי"ע, מנחת אלעזר, רמ"ד מהורנוסטייפל ועוד.

באזונדער זענען פאראן עטליכע ספרי קודש פון מרנן הייטב לב והקדושת יו"ט מיט חתימת יד קדשו: און פילע ספרי קודש מרביה"ק עם חתימת יד קדשו מעיר סיגעט, קראלי, סאטמאר.

# והשאר יחלקו בשוה

א באזונדערער מעמד החלוקה וועט פארקומען אין די קומענדיגע טעג, אויף נאך פילע חפצים וספרי קודש, וועלכע זענען צוריקגעקומען ליד הממונים אין די טאג איידער די היסטארישע חלוקה, און מען האט נאכנישט עספיעט אפצושאצן דאס ווערד און צעטיילן שוה בשוה.

אזוי אויך וועט פארקומען א באזונדערער מעמד החלוקה פאר די 'כלי כסף', ווי די חותני המלך שליט"א וועלן אויך באקומען א חלק דערין.

די פריידיגע נייעס איבער דעם גליקליכן שלוס פונעם גורל איז צעשפרייט געווארן ברוב שמחה וחדוה ביי אלע חסידי סאטמאר, זעענדיג ווי נאך אזויפיל יאָרן איז **מקויים געווארן רצון קדשו פונעם רבי'ן זצ"ל בשלום ובאחוה, וואס איז אוודאי דער גרעסטער נחת רוח און כבוד לנשמתו הטהורה, ולנשמת אבותיו הקדושים צדיקי דור דור, רבותינו עצי התמרים, אשר ממקומם הם יפנו להשפיע אויף די אַלע וואָס זענען געווען פאַרמישט דאָס צושטאַנד צו ברענגען,** ובראשם עבדו מש"ה אשר בכל ביתו נאמן הוא, החסיד רבי משה שליט"א ובנו הנדיב מוה"ר ליפא הי"ו להתברך בכל מילי דמיטב, עד עולם, אמן!

**כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' בְּיַד מֹשֶׁ"ה בַּגּוֹרָ"ל!**

# מורשת צדיק



א ווייטערדיגער ארייַנבליק אין די היסטארישע ירושה חפצים מאוצרו פון רבינו הגה״ק בעל ברך משה זי״ע, וועלכע זענען פארטיילט געווארן ביי דער היסטארישער ״חלוקת הירושה״ דעם פארלאפענעם דאנערשטאג נשא

פארלאפענעם יו״ט שבועות האט ״טועמיה״ אהערגעשטעלט א גאר ברייטע און היסטארישע אפהאנדלונג איבער מערערע חפצי קודש וועלכע געפינען זיך אין דער הייליגער ירושה פון רבינו הגה״ק הברך משה זי״ע. ב״ה די גריסן זענען געקומען פון נאנט און ווייט, ארייַנגערעכנט אסאך ווייטער ווי מען וואלט זיך געקענט פארשטעלן...

אין די זעלבע צייט זענען אויך געקומען מערערע הגהות. זייענדיג א גאר היסטארישע און ברייטע פארש-ארבעט, זענען געווען דעטאלן וואס זענען נישט געווען פונקטליך, און מען האט אסאך צוריקגעהערט איבער די מציאות און דעם תוכן הדברים.

שטייענדיג אין די יעצטיגע טעג נאך דער היסטארישער חלוקת הירושה, וועלן מיר ממשיך זיין צו באשרייבן טייערע און היסטארישע חפצים פון דער הייליגער ירושה – ארגינעלע פארש-ארבעט דורך חברי מערכת ״אוצרות סאטמאר״ – וועלכע זענען נישט אריין אין דעם ארגינעלן ארטיקל צוליב א מאנגל אין פלאץ.

איבעריג צו זאגן אז אויך יעצט איז עס נאך ווייט פון שלימות. עס פעלט נאך אסאך, ועוד חזון למועד בעז״ה.

## תשובה פון רביה״ק זי״ע צו רבינו הגה״ק בעל ברך משה זי״ע חודש תמוז תש״י

אין שו״ת דברי יואל סי׳ צ׳, און אין ספר כתבי יואל ווערט געברענגט א תשובה וואס רביה״ק זי״ע האט געשריבן אין חודש תמוז תש״י, מיט א ביאור אויף א שטיקל פון ישמח משה אין פרשת קרח.

דער רבי ענדיגט דער תשובה מיט די ווערטער:

**כן אפשר ליישב קצת לפי חומר הנושא, ואף שאינו מדוקדק כל כך בלשונו, מ״מ כמ״פ מצינו כן בדבריו ז״ל שלא ביאר היטב הלשון, אבל עדיין צ״ע.**

**והשי״ת יהיה בעזרו, וירפאהו רפואה שלימה וגמורה על רגלו, ויחזקהו ויאמצהו בכל אבריו וגידיו, ויזכה להיות בריא אולם לתורתו ועבודתו ית״ש, מתוך נחת והרחבה גדולה, עדי נזכה לראות במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן, והימים האלה יתהפכו לששון ולשמחה.**

**והנני בזה דודו ידידו, דושת״ה באה״ר הק׳ יואל טייטלבוים**

אזוי ווי די שאלה אויף וואס די תשובה באציט זיך ווערט נישט געברענגט, האט מען זיך שטארק געמוטשעט צו פארשטיין וואס די שאלה איז געווען, ווי אויך פארוואס דער רבי וואונטש א ברכה פאר א רפואה שלימה אינעם בריוו. דאס איז געווען ביז די חברי מערכת ״אוצרות סאטמאר״ האבן געפונען א רעקארדירונג פון א שמועס פונעם רבי׳ן זי״ע, מוצש״ק נחמו שנת תש״מ, וואו דער רבי דערציילט די געשיכטע אונטער די תשובה.

מיר ברענגען דא אראפ די ווערטער פון רבי׳ן ביי יענעם שמועס:

**וויל איך אייך דערציילן א מעשה, וואס בדידי הוה עובדא. ס׳איז געווען פרשת קרח, מיט 33 יאר צוריק, און כ׳בין געווען אין קאנטרי, דעמאלטס בימים ההם פאר 33 יאר האבן זיך נישט געדרייט דארט קיין אידן, און ס׳איז געוועזן פרשת קרח, און מיטאמאל אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען, ל״ע א פיס האט מיר געהאט אזוינע יסורים, כ׳האב ממש נישט געקענט אראפגיין אפגיסן די הענט, אזעלכע יסורים האב איך געהאט אויפן גאנצן פיס. ר׳ יעקב כהנא איז געקומען צו פארן עפעס**

מיט א באס, נאכדעם האב איך אנגעפאנגען זיך אנצוטאן, אבער דעמאלטסט האב איך באקומען אזעלכע יסורים, דאס קאן איך אייך נישט זאגן.

און פלוצלינג איז אנגעקומען צו פארן ר' משה טייטלבוים (המכונה ר' משה באניער), דער פעטער ז"ל האט אים געשיקט שניידן ווייץ, האט ער דאך געהאט א קאר, האט ער זיך מיישב געווען ער קומט מיר באזוכן, איז ער אנגעקומען, פארציילט ער מיר פארוואס ער איז געקומען. כ'האב מיך נישט געקענט רירן, כ'האב געוואלט קודם פארן צו א דאקטער, זאג איך אים "ווייסטו וואס, כ'גיב דיר מיט א בריוו צום פעטער, און זאג אים" [שיתפלל בעדי לרפואה שלימה]. "גוט" זאגט ער, ער גייט נאך היינט אריין צום רבי'ן, און ער וועט אים איבערגעבן דעם בריוו.

און דעמאלטסט האב איך ארייגעקוקט אין ישמח משה אין די וואכעדיגע סדרה, אין פרשת השבוע (פ' קרח, עה"פ אל תפן אל מנחתם), האב איך געזען אז ס'איז דא זייער א שווערער ישמח משה, כ'האב מיך אזוי געוואונדערט, כ'פלעג עס יעדעס יאר מעיין זיין אין דעם ישמח משה, אז משה רבינו האט מתפלל געווען אז חלקם [של קרח ועדתו] זאל נישט ווערן אנגענומען אין קרבנות ציבור, זאגט דער זיידע ז"ל, ער האט געוואלט נקמה עפעס טון?, וואס איז פשט?, האט ער געזאגט, אז אין די גמרא (בכורות ג' ע"א) איז דא פלוגתא ביי בכור, אז א עכו"ם האט א חלק, איז עס פטור מבכורה, זאגט ער, אפילו ער האט א חלק "אפילו מראש אזנו", און רב חסדא זאגט ס'מוז זיין אן "אבר שהנשמה תלויה בו", און רבא זאגט אז ס'איז געגוג טריפה [ואי"צ שיהא אבר שהנשמה תלויה בו].

האט דער זיידע ז"ל געזאגט, אז ער האט געוואלט ווייזן אז זיי האבן נישט קיין חלק אין די קרבנות ציבור, ווייל זיי זענען ארויס פון קהל, צו ווייזן האט ער געוואלט זאגן אז זיי האבן נישט קיין חלק, ס'איז גענוג אז ס'זאל זיין, און ס'ווערט טריפה, זאגט ער "והרמב"ם פסק כרבא", אזוי שטייט אין ישמח משה. [ונתקשיתי] ס'הייבט זיך נישט אן פשוט, ווייל דארט ווערט גע'פסקנ'ט די הלכה אין די גמרא אזוי ווי רב הונא, אפילו מראש אזנו איז אויך שוין פטור פון בכורה,

און דא זאגט ער עפעס אז דער רמב"ם פסק'נט [כרבא], און במילא האלט נישט אויס די גאנצע זאך.

א חוץ האב איך געוואלט זאגן א סברא [ליישב הקושיא הנ"ל], כ'האב פארשטאנען אז ס'האט נישט קיין שום שייכות [דין בכורה לדין קרבנות ציבור], בשלמא בכורה האט די תורה געזאגט אז א בכור, א איד דארף געבן די בכורה, טאמער איז דער גוי א שותף איז עס פטור, במילא איז נישט קיין חילוק, א קליינע שותף צו א גרויסע, במילא איז נישט קיין חילוק וויפיל דער שותף זאל זיין, רב הונא זאגט אביסל, אז ס'מוז זיין אינגאנצן, אז ס'פעלט מראש אזנו אפילו, איז שוין פטור. דאס איז דארט ביי בכורה, משא"כ ביי קרבן ציבור קען דאך זיין אז אפילו איינער וואס איז נישט קיין שומר תורה האלט ער אויך אפ? זאל עס פסול ווערן דער גאנצער קרבן ציבור? דער ציבור איז דאך א ציבור, וואס א שייכות האט עס, וויאזוי קען זיין אז אין בית שני איז געווען צדוקים, דער כהן גדול איז אויך געווען א צדוקי, מ'קען מעכב זיין קרבנות ציבור? מ'קען עפעס מעכב זיין? ס'איז נישט דא קיין זאך, בית דין איז עס מקדיש, און דעס האט א רעכט אזוי ווי בית דין איז עס מקדיש, יעדע ציבור האט א רעכט. אזוי האב איך געטראכט. בקיצור כ'האב עס אפגעשריבן פארן פעטער, כ'האב געשריבן די בקשה, און נאכדעם האב איך אים געשריבן די תורה, דעם ישמח משה.

אבער וואס וויל איך אייך זאגן, כ'האב דאך געהאט יסורים, און כ'האב מיך אויסגערעדט. ווען דער משה [טייטלבוים] איז אנגעקומען צום רבי'ן איז מיר בעסער געווארן, הערסטו, כאחד האדם, כ'בין נישט געגאנגען צו קיין דאקטער, כ'האב נישט אנגעשמירט, ס'איז אוועקגעגאנגען.

כ'האב באקומען פון פעטער א בריוו, ער

די היסטארישע תשובה פון רביה"ק צו מרן הברך משה מיט די אינטערעסאנטע ברכה פאר געזונטע פיס






**שרייבט מיר א תשובה אויפן ישמח משה, ער שרייבט מיר אן אינטערעסאנט לשון "וירפאהו רפואה שלימה וגמורה", נישט סתם א רפואה שלימה, א "רפואה שלימה וגמורה", וואס הייסט גמורה, און כ'זאג, כ'האב טאקע ב"ה שוין דריי און דרייסיג יאר, ווייטאג אין די רוקן האב איך אסאך מאל, אבער אויף די פיס נישט, אינגאנצן ממש אזוי ווי ער שרייבט "רפואה שלימה וגמורה", דערווארט גמורה, ס'איז אן אינטערעסאנטן אויסדרוק.**

**און דערנאך, גוט, ער ענטפערט זייער א שיינע תשובה - ס'איז היינט געדרוקט אין די תשובות - שרייבט ער זייער א אינטערעסאנטער המצאה וואס ער האט אין רמב"ם און די גאנצע גמרא. ער זאגט פשטות - וואס איז מיר נישט בייגעפאלן - ער שרייבט מיר אזוי, ס'איז נישט קיין קשיא פון מדרש אויף די גמרא, ווייל ס'איז גברא אגברא קא רמית, ר' יוחנן איז אן אמורא, און דער מדרש, ער האט נישט געהאלטן אז דער פסק איז ווי ר' יוחנן. איי דער רמב"ם איז זייער שווער, דער רמב"ם האט נישט געהאלטן אז מראש אזנו זאל פטר'ן, דער מדרש, מ'גייט דאך אלעס אויף דעם מדרש. איי פארוואס דער רמב"ם זאגט אזוי, ווייל דער רמב"ם פסקנ'ט, צווישן רב חסדא און רבא ווענדט זיך צו איך האלט טריפה חיה אדער נבילה, און דארט פסקנ'ט דער רמב"ם אז ס'ווענדט זיך אין טריפה, במילא האט ער געזאגט. איך זאג אליינס, ס'איז א בעסערן תירוץ.**

**אבער מיך האט געעגבערט פארוואס ער איז אזוי מדחיק מיין סברא... ווען איך בין אהיימגעקומען, פרעגט ער "וואס טוט זיך?" זאג איך "ב"ה, ס'איז געווען א רפואה שלימה וגמורה". פרעג איך אים וואס איז אזוי שלעכט מיט מיין סברא, זאגט ער "ס'איז זייער א פיינע תירוץ, אבער מיינס איז אנדערש". זאג איך אים, דאס וואס דער פעטער זאגט מיין סברא, זאגט ער מיר אזוי, אבער ס'ווענדט זיך דאך אויך צו מראש אזנו, צו רגלו, איז די פיס אויסגעהיילט...**

**פונקט דעמאלטס, ער איז אהיימגעקומען משה [טייטלבוים], ממש פון דעמאלטס אן, איך האב קיינמאל נישט געפילט, כ'האב אלס געקענט גיין ב"ה. יא, ער האט געהאט א גרויסן כח!".**

דער רבי האט אויך גערעדט פון דער תשובה ביי אן אסיפה מיט די ראשי קהילה פון סאטמאר, וואו מען האט אויפגענומען דעם רבי'ן אלס ממלא מקום אין קהילת סאטמאר במקום דודו רביה"ק זי"ע; די אסיפה איז פארגעקומען ליל ב' נצו"י שנת תשל"ט, וזל"ק:

**"פונקט יעצט האט ער געטראפן א בריוו, איך האב מיר אוועקגעלייגט דעם בריוו, דער פעטער האט מיר אמאל געשריבן. דעמאלטס בין איך פונקט געווען אוועקגעפארן, איז געווען אזא מעשה, איך בין געוועזן אין די קאנטרי דעמאלטס, שוין כ'האב מיך עפעס פלוצים דערזען אן אינדערפרי איך קען נישט הייבן די פיס, איך האב געמיינט אז איך האב באקומען, איך ווייס נישט וואס ס'איז געווען אז כ'האב נישט געקענט אראפטרעטן, איך האב געהאט אזוינע יסורים, על כל פנים פונקט האט דער אייבערשטער געפירט אז ר' משה באניער איז עפעס פונקט אנגעקומען מיך באזוכען, ער איז געווען אין יענע געגנט שניידן ווייץ פאר די מצות פסח, ער קאלט מיך אז ער פארט אין שטאט, קומט ער אריין, ר' משה, האב איך געשריבען א קוויטל דעם פעטער, האב איך אים געפרעגט א קשיא אויף א ישמח משה. כ'בין געווען חולה אנוש. איך ווייס נישט וואס דא, איך שרייב א בריוו צום רבי'ן, און, איך קען מיך ממש נישט א ריר טאן, ער האט געזאגט איך זאל גיין צו א דאקטער, ס'איז דאך זייער פארשטענדליך .. אז דעם ישמח משה פארשטיי איך נישט, כ'האב פון דעם א העתק דערפון, הכלל שפעטער האט מען געטראפן ביי ר' יאסל אשכנזי דעם כתב יד דערפון, מען האט געטראפן שפעטער.**

**שוין בקיצור צום סוף שרייבט ער מיר בזה"ל: "והשי"ת יהי' בעזרו וירפאהו רפואה שלימה וגמורה על רגלו ויחזקהו ויאמצהו בכל אבריו וגידיו ויזכה להיות בריא אולם לתורתו ועבודתו יתברך שמו מתוך נחת והרחבה גדולה עדי נזכה לראות במהרה בישועת כל ישראל ושמחתן והימים האלה יתהפכו לששון ולשמחה. והנני בזה דודו ידידו דושת"ה באה"ר". פיל איך אז ער האט מיר געגעבן די כוחות צו זען א ישועה".**

# די מגילה פונעם הייליגן קדושת יו"ט זי"ע

איינע פון די גאר טייערע חפצים פון דער הייליגער ירושה וועלכע איז פארטיילט געווארן פארלאפענעם דאנערשטאג, איז געווען די מגילה פונעם הייליגן קדושת יו"ט זי"ע.

די מגילה איז א גאר מהודר'דיגע מגילה, עס איז געשריבן אין י"א שורות מיט גרויסע אותיות, מיטן ציל יוצא צו זיין אלע שיטות איבערן אופן וויאזוי צו שרייבן די "עשרת בני המן".

די מגילה האט אויך אסאך פלאץ סיי אויבן און סיי אונטן, וואס איז ווארשיינליך מיטן ציל יוצא צו זיין די שיטות פון די פוסקים וואס האלטן אז אויך ביי א מגילה דארף מען לאזן פלאץ פון אויבן און פון אונטן, פונקט ווי



א בליק אינעווייניג פון דעם הייליגן מגילה

ביי א ספר תורה.

די היסטאריע פון דער מגילה איז זייער אינטערעסאנט, ווי מיר ווענלן דא ציטירן פונעם ספר "פורים ביים רבי'ן":

נאך די פטירה פונעם הייליגן קדושת יו"ט זי"ע, איז די מגילה אריבער בירושה צו בנו הגדול דער עצי חיים זי"ע. נאך זיין פטירה, ווען מען האט צוטיילט די ירושה און די הייליגע חפצים צווישן די קינדער, איז די מגילה אויסגעקומען פארן צווייטן זון, הב' משולם זושא הי"ד, וועלכער איז דעמאלט נאך געווען א קליין קינד.

אין די ערשטע יארן פלעגט ער בארגן די מגילה יעדן פורים פאר זיין עלטערן ברודער, הגה"צ רבי זלמן לייב זצ"ל דער סיגוטער רב, וועלכער פלעגט ליינען דערין.

האט דער רבי, דער ברך משה, דערציילט: "מיין ברודער דער רב האט געזען אז זושא איז שוין באלד א בחור אין די יארן, האט ער פארשטאנען אז ווען ער וועט חתונה האבן וועט ער מיטנעמען די מגילה מיט זיך. האט דער רב געלאזט שרייבן אן אייגענע מגילה פאר זיך. אזוי ווי עס איז פארטיג געווארן, האב איך געבעטן זושא'ן 'אפשר בארגסטו די מגילה איינמאל פאר מיר?', האט ער מסכים געווען."

עס איז געווען אין די ביטערע מלחמה יארן, ווען דער מצב איז שוין געווארן גאר שווער, בפרט אינעם לעצטן יאר נאך פורים תש"ד, ווען עס איז שוין נישט שייך געווען אז דער רבי זאל קענען צוריקשיקן די מגילה פון זענטא קיין סיגעט. דער רבי איז געווען שטארק אנגעצויגן איבער דעם וואס ער האלט ביי זיך אזא טייערן חפץ וואס באלאנגט נישט צו אים, נאר עס איז דער אייגנטום פון זיין ברודער. האט דער רבי דאס באהאלטן אינעם ארון הקודש אין זענטא, נעבן די ספרי תורה.

נאך די קריג איז הרה"ח ר' עמרם בינדער ז"ל צוריקגעקומען קיין זענטא, און ער האט דארט געגישטערט נאך איבערבלייבענישן פון אמאל. ער האט געטראפן די באהאלטענע מגילה פונעם עצי חיים אינעם ארון הקודש, און ער האט דאס געשיקט מיט די פאסט קיין אמעריקע צום רבי'ן, וועלכער האט שוין נישט געקלערט אז ער וועט נאך האבן די זכי' צו זען די מגילה.

ס'איז לייכט זיך פארצושטעלן די גרויסע שמחה וואס דער רבי האט געהאט באקומענדיג די היסטארישע מגילה. דער רבי האט זיך אויסגעדריקט אז עס איז אים קלאר, אז אויב די מגילה וואלט געבליבן אין סיגעט ביי זושא'לע, וואלט עס זיכער נישט ניצול געווארן, וויבאלד די רשעים האבן דארט אין סיגעט אלעס פארניכטעט.

אין די ערשטע צייט נאכדעם וואס דער רבי האט ערהאלטן די מגילה, פלעגט ער דאס ברענגען פאר זיין פעטער, רביה"ק זי"ע, ער זאל ליינען דערין. דער רבי האט אבער געזאגט: "דו דארפסט דאס דאך אויך האבן," און ער האט נישט געוואלט איבערנעמען די מגילה צו ליינען דערין ביינאכט. איז דעמאלטס געבליבן אז פורים אינדערפרי – היות רביה"ק זי"ע פלעגט זיך שטעלן דאווענען שפעט, און ווען ער האט געהאלטן ביי קריאת המגילה איז דער רבי (דער ברך משה) שוין געווען נאכ'ן ליינען – פלעגט ער דאס אריבערשיקן מיט א שליח צום רבי'ן, וועלכער האט טאקע געליינט דערין אלע יארן פורים אינדערפרי.

אין די שפעטערע יארן, נאכדעם וואס דער רבי, מרן הברך משה זצ"ל, האט זיך געצויגן קיין בארא פארק, איז שוין נישט געווען אזוי לייכט צו טרעפן א געטרייען שליח וועמען מען זאל קענען אנפארטרויען אזא טייערן פקדון, ער זאל עס צוריקברענגען תיכף נאכ'ן ליינען. בפרט נאכדעם וואס רביה"ק זצ"ל איז ליידער נישט געזונט געווארן און ער איז נישט שטענדיג געווען אינדערהיים, האט דער רבי אויפגעהערט צו שיקן די מגילה.

הרה"ח ר' משה פאלקאוויטש הי"ו דערציילט: בשנת תשל"ב, פורים נאכ'ן דאווענען – שוין אין יענע תקופה ווען דער רבי זי"ע איז נישט געזונט געווען – האט מיך דער רבי, מרן הברך משה ז"ל, צוגערופן און מיר געזאגט: "משה, פאר קיין וויליאמסבורג, נעם די מגילה און טראג עס צום פעטער, טאמער דער פעטער וויל ליינען דערין."

דער רבי האט מיר דאן שטארק אנגעזאגט, אז איך זאל דאס איבערגעבן פערזענליך אליין לידיו הקדושות, און דארט שטיין די גאנצע צייט בשעת'ן ליינען, און גלייך נאכ'ן ליינען זאל איך דאס צוריקנעמען און אהיים ברענגען. דאס איז געווען נאך א שטיק צייט פון היבשע פאר יאר וואס ער האט נישט געשיקט די מגילה צום רבי'ן.

ווען איך בין אנגעקומען אין בית המדרש, האט דער רבי געהאלטן ביי אנהויב שחרית. איך בין צוגעגאנגען צום משב"ק הרה"ח ר' עזריאל גליק ע"ה, און אים געזאגט אז איך בין א שליח פונעם סיגוטער רב צו ברענגען די מגילה פאר'ן רבי'ן. ווען ר' עזריאל האט געהערט די ווערטער, איז ער ממש אויפגעשפרונגען פון ארט פאר התפעלות, און ער זאגט מיר: "דער רבי האט מיר געזאגט היינט אינדערפרי: 'עס איז דאך דא ערגעץ דעם טאטנ'ס מגילה, איך האב געהאט חשק צו ליינען דערין!'" ר' עזריאל, נישט ווייסנדיג פון די גאנצע זאך אז דער סיגוטער רב פלעגט אמאל ברענגען די מגילה, האט נישט געכאפט וואס דער רבי מיינט מיט זיין בקשה.

והיה לפלא, ווי דער רבי, מרן הברך משה זי"ע, האט געשפירט די השתוקקות וואס דער רבי האט געהאט צו ליינען יענעם טאג דוקא אין אט די מגילה, און ער האט דאס אפגעשיקט.

רבי משה דערציילט ווייטער: "איך האב אויסגעפירט מיין שליחות באמנות, איך בין ארויפגעגאנגען אויפ'ן באלעמער וואו רביה"ק האט געליינט און איך בין דארט געשטאנען במשך די גאנצע צייט פון קריאת המגילה, און גלייך נאכ'ן ליינען האב איך דאס צוריקגעברענגט קיין בארא פארק פאר'ן רבי'ן הברך משה."

פון יענעם פורים און ווייטער האט דער רבי ווייטער געשיקט די מגילה פאר'ן פעטער רביה"ק זי"ע מידי שנה בשנה, ביז שנת תשל"ט ווען דער רבי זי"ע איז געווען פורים אין קרית יואל, און מחמת ריחוק מקום איז שוין נישט שייך געווען אז די מגילה זאל קענען אנקומען.

## די מנורה פונעם הייליגן קדושת יו"ט זי"ע

איינע פון די גאר טייערע חפיצים פון די ירושה וואס איז פארטיילט געווארן פארלאפענעם דאנערשטאג, איז די מנורה פונעם הייליגן קדושת יו"ט וואס איז געלעגן באוצרו פון רבינו הגה"ק הברך משה זי"ע, ווי עס ווערט געשילדערט אין ספר "ומשה היה רועה" – תולדות רבינו הגה"ק הברך משה זי"ע:

יעדעס יאר חנוכה פלעגט דער רבי אריבערקומען צום רבי'ן זי"ע צו זען און מיטהאלטן די עבוה"ק ביי הדלקת הנרות, און שפעטער ביי אמירת התורה.

אויסער דעם האט דער רבי מזכה געווען דעם רבי'ן זי"ע מידי שנה בשנה צו מעלה זיין את הנרות אין די הייליגע מנורה פון די ירושה פונעם זיידן דער קדושת יו"ט זי"ע. געווענליך יעדן ערב שבת חנוכה פלעגט מען אריבערברענגען די מנורה פאר'ן רבי'ן זי"ע אין שטוב, און ער האט דערין געצינדן בדחילו ורחימו.

עס איז דאס ארט צו דערמאנען וויאזוי דער רבי האט זוכה געווען בדרך פלא צוריקצובאקומען די מנורה פונעם זיידן, דער קדושת יו"ט זי"ע.

די הייליגע מנורה פון מרן הקדושת יו"ט זי"ע



די מנורה פונעם קדושת יו"ט איז צוגעפאלן בירושה פאר זיין פעטער דער עצי חיים זי"ע, און איז באהאלטן געווארן אין די ערד דורך דעם סיגוטער רב זצ"ל. נאך די קריג האט עס דער רבי געפונען און געהאלטן ביי זיך אין שטוב אין סיגעט, אבער ווען דער רבי איז אנטלאפן פון די קאמוניסטן קיין אמעריקע, האט ער דאס נישט געקענט מיטנעמען מיט זיך. זיי האבן דעמאלט אפגעשמועסט אז זיין שוואגער, הגה"צ ר' יודא'לע אייזיקסאהן זצ"ל – וועלכער איז נאך געבליבן אין סיגעט פאר עטליכע יאר – וועט דאס מיטנעמען מיט זיך ווען ער וועט ארויספארן. למעשה האט זיך דאס נישט אויסגעארבעט, ווייל ווען ער איז ארויסגעפארן פון אונגארן, האט מען ביי אים צוגענומען די מנורה ביים גרעניץ.

דעם רבי'נס קינדער דערציילן, אז אין די ערשטע יארן האט דער רבי געהאט א גאר פשוט'ע חנוכה מנורה וואס הרה"ח ר' יעקב יצחק צימענט ע"ה האט צוגעשטעלט. די קינדער האבן זיך געשעמט אז דער טאטע צינדט אין אזא קליינע מנורה, און זיי האבן אים געבעטן ער זאל קויפן א געהעריגע מנורה. אבער דער רבי האט שטענדיג געזאגט: "איך האב א מנורה, מיין טאטנס מנורה, און איך וויל נישט קויפן קיין צווייטע". עס איז געווען זייער מאדנע, ווייל יעדער האט געוואוסט אז יענע מנורה איז 'דארט' געבליבן, און קיינער האט נישט געזען קיין שום אויסזיכט אז דאס זאל נאך אמאל אפירקומען, נאכדעם וואס די קאמוניסטישע רעגירונג האט געלייגט א האנט דערויף.

למרבית הפלא, נאך עטליכע יאר איז די מנורה אנגעקומען לביתו נאוה קודש פון רביה"ק זי"ע. דאס איז געשען נאכדעם וואס הגה"צ ר' שמואל דייטש ז"ל פון סיגעט, וואס האט נאך די מלחמה געוואוינט אין בוקארעסט, האט דאס געפונען זייענדיג אויפן וועג ארויס פון רומעניע. ער האט דערקענט אז דאס איז די מנורה פונעם קדושת יו"ט, און ער האט דאס געברענגט קיין ניו יארק מיט'ן ציל אז דער רבי זאל דאס נוצן.

אנקומענדיג קיין וויליאמסבורג, האט הרב דייטש ז"ל דאס געגעבן צו פאררעכטן, וויבאלד ער האט דאס געמוזט צעברעכן אין צווייען כדי עס צו קענען ארויסברענגען אין זיין רענצל. דערנאך האט ער דאס מיט גרויס שמחה אריבערגעברענגט אין שטוב פונעם רבי'ן זי"ע און אים דאס געגעבן במתנה.

ווי שטארק דער רבי האט זיך געפריידט צו זען די מנורה פונעם טאטן, האט ער זיך אנגערופן: "די מנורה איז נישט מיינס, דאס האט דער ברודער באקומען בירושה און עס באלאנגט פארן סיגוטער רב". הרב דייטש האט גע'טענה'ט אז ער איז געווען א "מציל מזוטו של ים", ווייל די מנורה איז שוין געווען "לאחר יאוש" און עס געפינט זיך אין זיין רשות, דעריבער וויל ער דאס געבן פארן רבי'ן במתנה.

אבער דער רבי האט נישט געוואלט איבערנעמען די מנורה, און ער האט געהייסן אז מען זאל דאס איבערגעבן פארן סיגוטער רב, ווייל עפ"י תורה קומט עס אים.

מען האט דאן אריבערגערופן דעם רבי'ן (דער ברך משה) צום פעטער אין שטוב, און דער רבי האט אים איבערגעגעבן די מנורה. האט דער רבי געזאגט: "ביי מיר האט די מנורה א גרעסערע חשיבות אז דער פעטער זאל אויך ניצן די מנורה וואס דער זיידע און מיין טאטע האבן געצינדן דערין".

פון דאן אן איז געווארן דער סדר אז יעדעס יאר ערב שבת חנוכה, ווען דער רבי האט נישט געצינדן ברבים אין ביהמ"ד הגדול, האט ער געצינדן אין די דאזיגע מנורה.

מיט עטליכע יאר צוריק, ווען די געשיכטע מיט דער מנורה איז אראפגעברענגט געווארן אין גליון "זקניך ויאמרו לך", האט הרה"צ רבי בנציון דייטש שליט"א, אדמו"ר מבוקארעסט, זיך פארבינדן מיט דער מערכת און איבערגעגעבן די מעשה מיט נאך עטליכע דעטאלן, לויט ווי ער האט עס אליין מיטגעהאלטן זייענדיג בקודש פנימה בשעת זיין טאטע האט איבערגעגעבן די מנורה. מיר ברענגען דא אראפ די געשיכטע אזוי ווי ער האט עס דאן דערציילט:

איך וועל דערציילן אין צוזאמענהאנג מיט די פריערדיגע מעשה, ולהעמיד דברים על דיוקן לויט ווי איך האב דאס פערזענליך מיטגעהאלטן, למען כבוד בית אבי מורי הגה"ק רבי שמואל דייטש זצוק"ל, אדמו"ר מבוקארעסט.

דער טאטע ז"ל איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן "קדושת יום טוב" זי"ע. ער איז אויך געווען א קרוב משפחה, היות זיין עלטער-זיידע הגה"צ רבי יוסף יואל דייטש זצ"ל, אב"ד חאדראוו, איז געווען א שוואגער מיט'ן "ייטב לב" זי"ע, אלס אן איידעם ביים טאלטשעווער רב זצ"ל.

דער טאטע ז"ל האט איבערגעלעבט די קריג אינאיינעם מיט מיין מאמע הרבנית הצדיקת ע"ה און אלע קינדער, געפינענדיג זיך אין בוקארעסט, פון וואו מען האט בחסדי ה' נישט דעפארטירט די אידן. ער איז געבליבן וואוינען ביי זיך אינדערהיים, און ער האט דארט געהאט זיינע חפצים, אלטע ירושות

וכדומה.

נאך די מלחמה האט ער מיט גרויסע כוחות אויפגעבויט אידישקייט און מחזק געווען די שארית הפליטה, אזוי האט ער לאנגע יארן עוסק געווען בעבודת הקודש אונטער'ן קאמוניסטישן רעזשים.

מיין טאטע ז"ל איז געווען א רבי און א גרויסער פועל ישועות. ער האט אויפגעטון גדולות ונצורות פאר'ן רומענישן אידנטום אונטער די הערשאפט פון די קאמוניסטן אין די יארן נאך די צווייטע וועלט מלחמה. עס האט געהאלטן אזוי ווייט, אז זיי האבן אים נישט געוואלט לאזן ארויספארן צו די פרייע וועלט, וויסנדיג אז מיט זיין פארלאזן דאס לאנד וועט צופאלן דאס ביסל אידישקייט וואס איז דארט נאך געווען, און זיי האבן דעמאלטס געהאט אן אינטערעסע צו ווייזן פאר די וועלט אז אידן קענען יא לעבן אין רומעניע.

ווען ער האט ענדליך גע'פועל'ט צו קענען ארויספארן, האט ער באקומען רשות מיטצונעמען זיינע פערזענליכע זאכן אבער בשום אופן נישט קיין שום ווערטפולע חפצים. אבער ווען ער האט אויפגעוויזן אויף געוויסע פשוט'ע זאכן אז ער האט דאס בירושה פון זיינע עלטערן, האט מען אים ערלויבט דאס מיטצונעמען.

עס איז געווען נאך די קריג ווען דער טאטע ז"ל איז אריבערגעפארן קיין סיגוט מיט אן אפיציר וואס האט אים שטארק געשעצט צוליב א ישועה וואס ער האט געהאט דורך אים. ער האט דארט געזוכט די ירושה פון זיין פאטער הרה"ק רבי משה דייטש הי"ד, וועלכער האט געפירט זיין בית המדרש אין סיגוט, און ער האט דארט געפונען ביי א גוי די מנורה פונעם הייליגן קדושת יו"ט, וואס איז געווען צונעמען אויף שטיקלעך. יענער גוי האט דערציילט א מעשה אז ער האט דאס באקומען פון די בני המשפחה פארן דעפארטירן. דער טאטע, זייענדיג א תלמיד פונעם קדושת יו"ט, האט זייער געוואלט צוריקברענגען די מנורה - פארשטייט זיך שלא על מנת לקבל פרס, ווייל עס איז געווען ממש מיט מסירות נפש; ווען די רשעים וואלטן אים געכאפט דערמיט ביים גרעניץ, וואלט ער געקענט באקומען 25 יאר תפיסה ר"ל. ער האט מסביר געווען פארן גוי אז די מנורה האט ביי אונז א גרויסע חשיבות צוליב דעם וואס די רבנים האבן דערמיט געטון א מצוה, און דער גוי האט אים דאס פארקויפט.

ווען דער טאטע האט געהאלטן ביים ארויספארן פון רומעניע, איז איינע פון זיינע גרעסטע דאגות געווען וויאזוי מען וועט קענען ארויסברענגען די מנורה. ער האט גענומען די שטיקלעך פון די מנורה און דאס באהאלטן צווישן די ספרים וואס זענען געווען איינגעפאקט אין זעכצן גרויסע קאסטענעס. ער האט צושפרייט די שטיקלעך אין אלע קאסטענעס, אז אפילו אויב מען וועט חלילה עפענען די קאסטענעס ביים גרעניץ, זאלן זיי בלויז געפינען איין אדער צוויי שטיקלעך און נישט כאפן אז דאס באלאנגט צו א מנורה. הגם דער טאטע ז"ל האט געזאגט אז מען דארף זיך נישט זארגן, זייענדיג מבטיח אז מען וועט נישט עפענען די קעסטלעך, האבן מיר זיך אבער נישט געוואלט סומך זיין אויף נסים.

די חפצים זענען ארויסגעפארן פון רומעניע מיט דער באן און שפעטער האט מען דאס ארויפגעלייגט אויף א שיף, אלעס איז אנגעקומען עטליכע חדשים נאכדעם וואס מיר זענען שוין געווען דאהי.

נאכדעם וואס מיר האבן געעפנט די קעסטלעך, האבן מיר אליין צוזאמענגעשטעלט די שטיקלעך פון די מנורה (עס איז געווען א מנורה של פרקים), און דער טאטע זצ"ל איז אריבערגעגאנגען צו רביה"ק זי"ע מיט דעם געוואלדיגן מתנה. עס זענען מיטגעגאנגען מיין ברודער ר' חיים יצחק דייטש ע"ה ואני הק' אבלחט"א. אין שטוב זענען דעמאלטס געווען די צוויי משמשים בקודש, הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ע"ה און הרה"ח ר' עזריאל גליק ע"ה, און דער הויז-בחור איז געווען נכנס ויוצא, דאס מיינט אז היינט צוטאגס בין איך דער איינציגסטער בחיים חיותי לאיוש"ט וואס האט מיטגעהאלטן דעם מעמד.

דער טאטע איז אריינגעקומען און אראפגעלייגט די מנורה אויפ'ן טיש. דער רבי האט דאס גלייך דערקענט, ער האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: "דאס איז דאך די מנורה וואס דער זיידע ז"ל און דער טאטע ז"ל האבן געצינדן אין דעם."

האט דער טאטע געזאגט: "איך האב דאס געברענגט אלס א מתנה פאר'ן רבי'ן."

האט דער רבי געזאגט: "דאס באלאנגט פאר'ן סיגוטער רב בירושה פון זיין טאטן, דער עצי חיים."

האט דער טאטע גע'טענה'ט אז ער איז א 'מציל מזוטו של ים', וויבאלד בדרך הטבע וואלט דאס קיינמאל נישט ארויס פון די הענט פון די גוים, און נאר ער האט זיך מוסר נפש געווען דאס ארויסצוברענגען, ממילא איז נישט שייך קיין ירושה, און ער גיט דאס פאר'ן רבי'ן במתנה, און ער האט דאס טאקע דארט איבערגעלאזט ביים רבי'ן.

ווען און וויאזוי די מנורה איז אנגעקומען צו כ"ק מרן הברך משה זלה"ה האב איך שוין נישט מיטגעהאלטן, אבער דאס איז דער ווירקליכער חלק פון די מעשה, דברים כהווייתן, וואס איך האב פערזענליך מיטגעהאלטן.

## פרישע קלארע דעטאלן איבער די 'רש"י תפילין' פון רביה"ק זי"ע

אלס טייל פונעם ברייטן פראיעקט פארלאפענעם יו"ט שבועות, איז געווען די אויספירליכע באשרייבונג איבער די הייליגע תפילין פון מרנן הקדושת יו"ט ורביה"ק זי"ע, סיי די תפילין דרבינו תם וואס זענען אצינד צוטיילט געווארן, און סיי די תפילין דרש"י.

די אינפארמאציע פון אונזער שבועות-ארטיקל איז פארצייכנט געווארן לויט די ידיעות וואס מיר האבן דאן באקומען פון די חברי מערכת "אוצרות סאטמאר", אבער היות דער ארטיקל איז געשריבן געווארן אין א גרויסער איילעניש, זענען עטליכע פרטים נישט געווען אקוראט.

אצינד נאך יו"ט האבן זיך די חברי מערכת "אוצרות סאטמאר" ווידער פארבינדן מיט די משפחות פון הרה"ח ר' אהרן פאללאק ז"ל, הרה"ח ר' משה הערש ווייס ז"ל, הרה"ח ר' אברהם שלום עפשטיין ז"ל, און מיט הרה"ח ר' משה שמואל זופניק הי"ו; לויט ווי עס שטעלט זיך ארויס, איז די מעשה געווען ווי פאלגנד:

אין יאר תשי"ד האט דער רבי באשטעלט נייע בתים ביי ר' משה הערש ווייס ז"ל צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, ווייל דער רבי האט געוואלט מאכן קלענערע בתים כדי עס זאל נישט זיין קיין שום חשש איבערן מקום הנחת תפילין, און דער רבי האט דערביי געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען ווי גרויס די בתים זאלן זיין, סיי פון אויבן און סיי פון אונטן. צווייטנס, ווייל ר' משה הערש האט אויסגעטראפן א מהלך צו מאכן זייער מהודר'דיגע בתים וואס זענען "פרודות לגמרי". דער משב"ק הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל האט אריבערגערופן ר' משה הערש צום רבי'ן, וואו דער רבי האט אים געגעבן די אויבנדערמאנטע אנווייזונגען.

זומער תשי"ד, ווען די בתים זענען פארטיג געווארן, האט ר' משה הערש אריבערגעברענגט די בתים צום רבי'ן בשעת דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן אין שעראן ספרינגס. דער רבי האט אים געוואלט באצאלן דערפאר, אבער ר' משה הערש האט





בייגעלייגט זענען בילדער פון די בתים וואס דער רבי האט געלייגט ביז תשי"ד, (-רעכטע) וואס געפינען זיך היינט אינעם באזיץ פון די משפחה פון הרה"ח ר' משה הערש ווייס ע"ה; און פון די בתים וואס דער רבי האט געלייגט פון תשי"ד ביז תשי"ט, (-לינקע) וואס געפינען זיך היינט אינעם באזיץ פון הרה"ח ר' משה שמואל זופניק הי"ו.

נישט געוואלט נעמען קיין געלט. ווען דער רבי האט געזאגט פאר ר' משה הערש אז פאר א מצוה דארף מען באצאלן, האט ר' משה הערש געענטפערט פארן רבי'ן אז אויב דער רבי איז גרייט אים צו געבן די אלטע בתים בשכרו איז ער גרייט דאס צו נעמען אלס זיין שכר (עס איז כדאי צו באמערקן, אז די בתים זענען נישט געווען די פונעם קדושת יו"ט וואס זענען במשך די יארן נתקלקל געווארן; זעה מער פרטים אינעם אויבנדערמאנטן ארטיקל). אויף דעם האט אים דער רבי געזאגט: "ר' משה הערש, דאס איז דיינס!". ר' משה הערש האט דערנאך געפרעגט דעם רבי'ן אויב ער וויל מאכן נייע בתים אויך פאר די רבינו תם'ס תפילין, האט דער רבי געזאגט אז נישט, ווייל די רבינו תם'ס תפילין האבן ביי אים א ספעציעלע חשיבות, היות דאס קומט נאך פונעם טאטן מרן הקדושת יו"ט זי"ע.

יענעם זומער תשי"ד, ווען מ'האט פרובירט אריינצולייגן די אלטע גרעסערע פרשיות פונעם קדושת יו"ט אין די נייע קלענערע בתים פון ר' משה הערש, האט ליידער פאסירט אז די פרשיות זענען פסול געווארן. דער רבי האט געבעטן פונעם בארימטן סופר סת"ם הרה"ח ר' אהרן פאלאק ז"ל ער זאל אים שרייבן נייע פרשיות של ראש, אבער היות ר' אהרן האט זיך נישט געשפירט ראוי און ער האט געוואלט שרייבן די פרשיות ברציפות – וואס דאס איז אים דאן נישט געווען שייך – האט דער רבי געבארגט פון הרה"ח ר' אברהם שלום עפשטיין ז"ל זיינע פרשיות של ראש, וואס זענען געווען געשריבן דורך זיין זיידן הרה"ח ר' יוסף עפשטיין ז"ל פון סאטמאר. מען האט אריינגעלייגט די פרשיות אין די נייע בתים פון ר' משה הערש ווייס, און דאן האט זיך געמאכט א מעשה אז מ'האט אויך געדארפט טוישן די רצועות. באופן פלא האט הרה"ח ר' יוסף לייב רייכבאך ז"ל פונקט געהאט נייע מהודר'דיגע רצועות וואס ער האט געהאט צוגעגרייט פאר זיין רבי'ן הגה"ק מהר"א מבעלזא זצ"ל, ווי עס ווערט אויספירליך געשילדערט אינעם אויבנדערמאנטן ארטיקל.

אין יאר תשט"ז, ווען דער רבי האט געשריבן א תשובה בנוגע הלכות תפילין פאר זיין תלמיד כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל, האט מען בודק געווען די תפילין. היות עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דעם רבי'נס פרשיות של יד - וואס זענען געקומען בירושה פון זיין פאטער דער קדושת יו"ט זי"ע און זענען געשריבן געווארן דורך דעם בארימטן סופר רבי שמואל סופר ז"ל פון סיגעט - זענען געווען געשריבן מיט אנדערע קבלות ווי די פרשיות של ראש, וואס דער רבי האט געבארגט פון ר' אברהם שלום עפשטיין (געשריבן דורך זיין זיידן ר' יוסף), האט דער רבי דאן געבארגט פון ר' אברהם שלום אויך די פרשיות של יד.

זומער תשי"ט, ווען ר' אהרן פאללאק האט אפגעשריבן נייע פרשיות של ראש פארן רבי'ן, האט דער רבי צוריקגעשיקט די פרשיות של יד ושל ראש פאר ר' אברהם שלום עפשטיין. (די פרשיות זענען נאך זיין פטירה אריבער צו זיין זון הרה"ח ר' אפרים יוסף הי"ו, וועלכער האט עס שפעטער פארקויפט פאר הרה"ח ר' משה שמואל זופניק הי"ו). די בתים און רצועות האט דער רבי געגעבן פאר ר' יוסף אשכנזי (דאס איז שפעטער אנגעקומען לידי ר' משה שמואל הי"ו דורך די השתדלות פון הרה"ח ר' שלמה יעקב געלבמאן ע"ה). עס זעהט אויס אז ר' יוסף אשכנזי האט דאן געקויפט נייע בתים פון ר' משה הערש, ווייל לויט ווי הרה"ח ר' עקיבא וויינשטאק הי"ו, דער משב"ק, דערציילט, האט ער געקויפט נייע בתים פארן רבי'ן אין יאר תשכ"ב און דער רבי האט אים געגעבן זיינע אלטע במתנה. קומט אויס, אז צווישן תשי"ט און תשכ"ב האט דער רבי געהאט אנדערע נייע בתים.

•

צום שלוס, א קורצע סך-הכל איבער דעם רבי'נס רש"י תפילין במשך די יארן (לויט די אינפארמאציע וואס מיר האבן אצינד):

א] תר"ס-תרס"ד: פון די בר מצוה בשנת תר"ס ביז נאך די הסתלקות פונעם קדושת יו"ט בשנת תרס"ד, האט דער רבי געלייגט די תפילין וואס זיין טאטע האט אים געקויפט לכבוד די בר מצוה.

ב] תרס"ד-תש"ו: נאך די הסתלקות פונעם קדושת יו"ט האט דער רבי זוכה געווען צו די רש"י תפילין פון זיין טאטן, מרן הקדושת יו"ט זי"ע, געשריבן דורך רבי שמואל סופר ז"ל פון סיגוט. לויט ווי דער פאיער רב האט דערציילט, האט דער רבי שוין געטוישט די "של ראש בתים" נאך אינדערהיים אין קליינווארדיין, היות די בתים זענען געווען זייער גרויס. בשעת די מלחמה זענען די בתים

נתקלקל געווארן, דעריבער האט דער רבי געלאזט מאכן נייע בתים זייענדיג אין ארץ ישראל בשנת תש"ו.

ג] תש"ו-תשי"ד: פון דאן ביז זומער תשי"ד האט דער רבי געלייגט די פרשיות פונעם קדושת יו"ט, וואס זענען געלעגן אין אנדערע בתים.

ד] תשי"ד-תשט"ז: זומער תשי"ד, נאך וואס די "של ראש פרשיות" זענען פסול געווארן, האט דער רבי געלייגט "של ראש פרשיות" געשריבן דורך ר' יוסף עפשטיין ז"ל פון סאטמאר, און די "של יד פרשיות" האט דער רבי ווייטער געלייגט פונעם טאטן, געשריבן דורך רבי שמואל סופר ז"ל. דיביידע פרשיות זענען געלעגן אין נייע בתים, געמאכט דורך ר' משה הערש ווייס ז"ל.

ה] תשט"ז-תשי"ט: האט דער רבי געלייגט סיי די של יד און סיי די של ראש פרשיות געשריבן דורך ר' יוסף עפשטיין, וועלכע זענען געלעגן אין די בתים פון ר' משה הערש ווייס.

ו] תשי"ט-תשכ"ב: האט דער רבי ווידער געלייגט די "פרשיות של יד" פונעם טאטן, וואס זענען געשריבן געווארן דורך ר' שמואל סופר, און די "פרשיות של ראש" געשריבן דורך ר' אהרן פאללאק, ארייגעלייגט אין נייע בתים.

ז] תשכ"ב-תשל"ט: האט דער רבי ווייטער געלייגט די זעלבע פרשיות, ארייגעלייגט אין נייע בתים וואס זענען געקויפט געווארן דורך ר' עקיבא וויינשטאק הי"ו.

# בזכותו אנו חיי"ם

### אויסצוג פון ספר חצר התמרים, סיפורים און עבדות דערציילט דורך הגה"צ אבד"ק סאטמאר ירושלים שליט"א, איבער דעם מכתב קודש פון הרה"ק מצאנז זי"ע צו הגה"ק מרן הקדושת יו"ט זי"ע

**"דער קדושת יום טוב האט זייער אסאך יארן נישט געהאט קיין קינדער. אזויווי ער איז דאך געווען שטארק דבוק אינעם הייליגן דברי חיים פלעגט ער כסדר מפציר זיין ביי אים אז ער זאל זוכה זיין צו זרע של קיימא, ער האט ממש מרעיש עולמות געווען. עס איז באקאנט אז דער הייליגער דברי חיים האט אים געשריבן א בריוו אז ער זאל זיך נישט מייאש זיין, שרייבט ער אים דארט: 'בצפיותינו ציפינו שיזכה לזרע ברך ה'' די בריוו איז געליגן ביים זיידן זכרונו לברכה.**

**בפשטות מיינט 'בצפיותינו ציפינו' אז מיר האפן אז ער וועט זוכה זיין צו זרע ברך ה'; אבער דער רבי זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט אז 'צפיותינו' איז אויך א לשון פון 'זען', אז דער צאנזער רב האט שוין געזען ברוח הקודש אז ער וועט זוכה זיין צו זרע ברך ה'.**

**עס איז באקאנט אז איינע פון די אלטע צאנז'ע חסידים וואס האט שוין געהאט געקענט דעם עצי חיים, אבער דעם רבי'ן האט ער נאכנישט געקענט, האט געזאגט אז ער וויל קענען דעם רבי'ן, ווייל ער וויל זען די 'זרע ברך ה'' וואס דער הייליגער רב האט געזאגט, 'בצפיותינו ציפינו שיזכה לזרע ברך ה''. זעט מען אז אפילו דעמאלטס איז עס שוין געווען א מורא'דיגן חידוש, אזעלכע צוויי הייליגע זון ווי דער עצי חיים און דער רבי זכרונו לברכה, ביידע זענען געווען אזוי גרויס אין די גאנצע מדינה, אין אלע הינזיכטן."**

עיין מה שכתב הרה"ח רבי יוסף אשכנזי ז"ל משב"ק, בהקדמתו לשו"ת דברי יואל (עמוד כא), וז"ל: והרב מבאגאד הגה"צ מו"ה שלמה יודא וויינבערגער זצ"ל שהי' מגדולי תלמידי מרן בעל ייטב לב, והי' רגיל לנסוע הרבה למרן בעל דברי חיים והתפלל אצלו לפני התיבה בהיותו עוד צעיר לימים, אמר פעם לבנו הגה"צ מפאיע זצ"ל על רבינו 'ער איז א שטיק הייליגער רב' (כוונתו על מרן בעל דברי חיים זי"ע), וסיפר שבעת המלחמה העולמית הראשונה, שהה אצלו חסיד אחד מחסידי צאנז, ר' משה דוד הערצאג מטארנא, שברח ממדינת פולין, פעם אמר לו החסיד הנ"ל שהוא רוצה לנסוע לאורשיווא, שאל אותו הרב מבאגאד מה פתאום הוא רוצה לנסוע כעת לאורשיווא, בפרט שהדרכים הם בחזקת סכנה, אמר לו החסיד הנ"ל, 'אני הייתי אצל מרן הקדוש מצאנז בעת שכתב מכתבו להגה"ק בעל קדושת יום טוב, שהזכיר א"ע להפקד בדבר ישועה ורחמים בזש"ק, ובעיני ראיתי כשרבינו הקדוש מצאנז כתב לו שלא יתייאש עצמו כי בוודאי יתברך בזרע ברך ה', והנה את הרב מסיגוט (כוונתו על מרן העצי חיים זי"ע) אני מכיר כבר כי ראיתיו בטארנא אצל חתונתו, אבל את הרב מאורשיווא אינני מכיר עוד ומעתה אני רוצה לראותו לקבל פני קדשו", עכ"ד.

כעי"ז בספר בהיכל המלך (ח"א עמוד פא) מזכרונות הרה"ח רבי ישעי' לעפקאוויטש ע"ה, משב"ק מרן הקדושת יום טוב זי"ע, שפעם אחר פטירת רבו מרן הקדושת יום טוב זי"ע בא זקן מגאליציע ואמר שהיה בצאנז בעת שכתב מרן הדברי חיים זי"ע המכתב קודש למרן הקדושת יום טוב זי"ע, ורוצה לראות הזרע ברך ה', נסע שבת אחד למרן העצי חיים זי"ע ושבת אחד למרן רביה"ק זי"ע.



דער היסטארישער מכתב קודש פון מרן קוה"ק מצאנז זי"ע

# קודש הם לכם



## ארומנעמענדער שמועס מיט באריםטע אנטיק-סוחרים הר"ר אביגדור שלום שווארטץ הי"ו, ר' שמואל שטיינבערג הי"ו, הר"ר אלימלך לאנדא הי"ו, הר"ר משה דימשיץ הי"ו, איבער וויאזוי מען שאצט אנטיק היינטיגע צייטן, און איבער דער היסטארישער ירושה וואס איז נארוואס צוטיילט געווארן

שמחה סיגעל

איינער פון די הויפט טעמעס אין די יעצטיגע טעג ארום דער היסטארישער "חלוקת הירושה", איז די ליסטע פון די חפצים. דער ציבור האט זיך געפונען עוסק זיין אין די ווערד פון די פעקלעך און די חפצים; יעדער איינער האט געהאט א מיינונג וואס עס איז מער אדער ווייניגער ווערט. מען האט געהערט פון אסאך וואס האבן געוואלט פארשטיין וואס איז דער וועג וויאזוי מען שאצט אפ אנטיק, וואס מען נעמט אין באטראכט, וועלכע פאקטארן שפילן א ראלע, און וויאזוי מען באשטימט די פרייזן פאר די חפצים.

איינער פון די מערסט באקאנטע אנטיק סוחרים ביים היימישן ציבור אין די לעצטערע יארן איז הרה"ח ר' שמואל שטיינבערג שליט"א, וועלכער האט זיך ארייגעלייגט אויף א פריוואטן פארנעם עוסק צו זיין אין פארקויפן אנטיק. מיט זיין ערפארונג אין דעם פעלד איז ער שנעל אויסגעשטיגן אלס איינער פון די מערסט באריםטע סוחרים אין דעם פעלד.

מיר האבן זיך אראפגעזעצט מיט ר' שמואל צו הערן פון אים איבער דעם אנטיק מארקעט, וויאזוי זאכן פארקויפן זיך, און איבער דער יעצטיגער חלוקת הירושה, וויאזוי די זאכן זענען געשאצט געווארן.



ר' שמואל שטיינבערג הי"ו

## א מארקעט פון אלטע חפצים און אנטיק

• **לאמיר אנהייבן מיט אזא פראגע, וויאזוי זענט איר אנגעקומען צו עוסק זיין מיט די אלע אלטע חפצים?**

דער עכטער תירוץ איז, אז עס איז עפעס וואס איז א "חוש", מער ווי א זאך וואס מען טוט סתם אזוי.

איך וועל מסביר זיין מיינע ווערטער, רוב פאכן קען מען אויסלערנען פאר מענטשן, מען קען זיי אויסלערנען צו בויען, צו פירן א געשעפט, צו רעכענען, אדער צו טון די ארבעט פון אן עלעקטרישן. אבער עס זענען דא ארבעטס-פעלדער, ווי למשל שרייבן... וואס זענען א טאלאנט, און איינער וואס האט נישט דעם טאלאנט וועט אין קיין פאל נישט קענען מצליח זיין דערין.

האנדלען מיט אנטיק איז א חוש; עס איז עפעס וואס מען דארף ליב האבן און מען דארף דערצו פארשטיין. ווען איינער האט דעם אינטערעסע און דעם פארשטאנד, וועט ער לעבן אין דעם פעלד ווי א פיש אין וואסער.

• **וויאזוי שאפט איר די אלע אלטע חפצים וואס איר פארקויפט?**

דער גרעסטער חלק קומט פון מענטשן וואס האבן באקומען טייערע אנטיק זאכן בירושה, אדער אפילו פשוט'ע עלטערע ספרים, און זיי ווילן עס פארקויפן. מיר פרובירן צו טון וואס מיר קענען עס ווייטער צו פארקויפן.

מיר ווייסן וועלכע אידן האבן אן אינטערעסע אין וועלכע חפצים – ווער עס

זוכט ספרים און ווער עס זוכט בריוו – און מיר מאכן זיכער ווייטער צו פארקויפן דעם חפץ לויט זיין ווערד.

● **וויאזוי מאכט מען זיכער אז א ספר אדער א חפץ איז אויטענטיש? דהיינו, אז עס איז טאקע אזוי ווי מען זאגט, אז עס קומט טאקע פון א געוויסן צדיק אדער תקופה, און נישט סתם עפעס וואס איינער האט געטראכט אדער גע'חלומ'ט?**

צום ערשט זענען דא ספרים, א מענטש פארמאגט א בארימטן ספר פון אן ערשטן דרוק, אדער א ספר וואס א בארימטער צדיק האט דערויף אונטערגעשריבן אדער געשריבן הגהות. אזא זאך איז ממש נישט שייך צו פעלשן סתם אזוי, ווייל מען קען נישט דרוקן א ספר און זאגן אז עס איז געדרוקט געווארן מיט א לאנגע צייט צוריק.

דערנאך קומט דער חלק פון באשטעטיגן די חתימה פונעם צדיק, און פעסטשטעלן אז יענער האט זיך טאקע באנוצט דערמיט.

דערפאר זענען דא בארימטע עקספערטן וועלכע קענען אפלערנען א כתב יד, זיי קענען פארגלייכן איין שריפט צום צווייטן, און זיי דארפן באשטעטיגן אז דער צדיק איז טאקע געווען דער וואס האט זיך באנוצט מיט דעם ספר.

עס איז אפטמאל ווייטאגליך ווען מען קען נישט באשטעטיגן אז דאס איז טאקע דעם צדיק'ס שריפט אדער זיין אופן פון שרייבן. דער איד טענה'ט קלאר אז דאס שטאמט פון יענעם צדיק, אבער אז מען קען עס נישט באשטעטיגן איז עס באמת שווער. געווענליך אבער, אויב עפעס איז אויטענטיש, וועט עס צום סוף באשטעטיגט ווערן.

דערנאך זענען דא חפצים, דאס איז שוין א מסכתא פאר זיך, און עס קען זיין זייער שווער צו באשטעטיגן צי דער צדיק האט זיך טאקע באנוצט דערמיט אדער נישט, ווייל וויאזוי קען מען דאס וויסן? ביי חפצים פון צדיקים פון די לעצטערע צייטן וועט מען געוועגטליך קענען געפינען מקרובים וואס געדענקען נאך וויאזוי דער צדיק האט זיך באנוצט דערמיט, און זיי וועלן קענען באשטעטיגן אז עס איז אויטענטיש. אבער ווען די רעדע איז פון צדיקים פון די פריערדיגע דורות, ווערט עס זייער קאמפליצירט און זייער שווער צו באשטעטיגן.

● **וויאזוי שאצט מען אפ דעם פרייז פון אן אנטיק חפץ?**

אין דער וועלט פון אנטיק איז דא א מושג פון "מארקעט פרייז", דאס הייסט וויפיל דער חפץ איז ווערט אין דעם אלגעמיינעם מארקעט, און לויט דעם וועלן מיר באשטימען דעם פרייז פון א חפץ.

● **וויאזוי ווערט באשטימט דער "מארקעט פרייז"?**

דאס ווענדט זיך אין פארשידענע פאקטארן. צום ערשט ווענדט זיך עס אין דעם סארט חפץ, א בריוו איז געווענליך מער ווערט ווי א חפץ וואס האט פשוט באלאנגט צום צדיק, אבער א חפץ מיט וואס א צדיק האט זיך קלאר באנוצט איז זיכער מער ווערט ווי א בריוו. דערנאך ווענדט זיך עס וואס פונקטליך דער חפץ איז, וואס דער בריוו אנטהאלט, און נאך אסאך דעטאלן.

אבער ברייטער גערעדט ווענדט עס זיך שטארק אין דעם וויפיל עס זענען דא פון די חפצים אויפן מארקעט, וויפיל מענטשן זענען גרייט צו באצאלן דערפאר, און וויפיל מענטשן זענען אינטערעסירט צו באקומען די חפצים.

נאך א פונקט איז וויכטיג צו ארויסברענגען אז געווענליך פארקויפט זיך גרינגער כתבים אדער ספרים, טאקע וויבאלד מען זעט קלאר אז דער צדיק האט זיך דערמיט באנוצט, אבער א חפץ איז שווער צו פארקויפן, וויבאלד עס איז שווער צו נאכגיין די אויטענטישקייט דערפון. אבער ביי א חפץ אדער א מלביש וואס מען ווייסט זיכער מיט א מקור מוסמך אז דאס שטאמט פון א צדיק, איז דאס פיל טייערער און חשובער.

● **וועלכע סארט חפץ איז דאס מערסטע ווערט?**

דאס ווענדט זיך אין דעם סארט חפץ וואס עס איז. אבער אין אלגעמיין גייען דאס מערסטע ספרים און בריוו פון צדיקים.

ווען עס איז דא א חפץ פון א צדיק וואס מען ווייסט אויף הונדערט פראצענט אז דער צדיק האט זיך באניצט דערמיט, און מען ווייסט אויך די היסטאריע פון וועמען עס איז אריבערגעגאנגען מדור דור, טראגט עס אוודאי א גרעסערע חשיבות ווי א בריוו אדער א ספר.

עס איז דא א באקאנטער חתם סופר אין פרשת תולדות, וואו ער רעדט ארום איבער דעם וואס יעקב אבינו האט אנגעטון די קליידער פון עשיו, און דארט רעדט ער ארום איבער די גרויסקייט און קדושה פון אנטון און זיך באניצן מיט א חפץ פון א צדיק, וואסערע השפעה עס האט, און ווי אזוי דאס ברענגט אסאך השפעות טובות אויף א מענטש.

פארשטענדליך ווענדט עס זיך אין יעדן פאל אויך לויטן תוכן פון דעם בריוו, סתם א בריוו טראגט איין סארט ווערד, אבער א בריוו וואס האט א טיפע באדייט טראגט א גאר אנדערע סארט ווערד.

ווי איך קען אנווייזן יעצט ביי די ירושה, א בריוו פון צאנזער רב האט א טייערע ווערד, אבער עס איז איבריג צו זאגן אז דער בריוו אין וועלכן ער איז מבטיח זש"ק פארן קדושת יו"ט, טראגט א פיל טיפערע באדייט און איז אסאך טייערער.

דאס זעלבע איז מיט דעם הייליגן בריוו פונעם ישמח משה אין וועלכן ער באשווערט די מלאכים מיט שמות, א געוועגליכע בריוו פונעם ישמח משה האט איין סארט ווערד, אבער אזא הייליגע בריוו אין וועלכן ער באשווערט די מלאכים טראגט א גענצליך אנדערע ווערד און איז אסאך טייערער.

● **אסאך מאל זעט מען אדווערטייזט "אקשענס" איבער אנטיק חפצים, אויף וואס זענען די פרייזן ביי די אקשענס באזירט?**

ביי אקשענס לויפן די פרייזן אנדערש ווי אינעם געווענליכן מארקעט, וויבאלד דאס איז א ליציטאציע... עס ווענדט זיך וויפיל מענטשן זענען גרייט צו צאלן דערפאר אין יענעם מאמענט, און אסאך מאל זעט מען ווי זאכן גייען ארויף פיל מער ווי איינער האט גע'חלומ'ט, און אמאל גאר שוואכער ווי מען האט ערווארטעט.

געווענליך פאר אן אקשען וועלן די אנטיק-הענדלער באשטימען א פרייז פון וואו אנצוהויבן; דאס איז געווענליך באזירט אויפן מארקעט פרייז אדער אין יענעם געגנט, און מען גרייט אן דעם בעל הבית פונעם חפץ וואס ער זאל ערווארטן, כדי ער זאל נישט האבן צו הויכע ערווארטונגען און דערנאך ווערן צובראכן און אנטוישט.

אבער איינמאל עס קומט שוין אן צו דער ליציטאציע אליין, איז שוין קיינער נישט בעל הבית אויף וויאזוי עס וועט זיך אויסשטעלן. עס איז אפטמאל זייער אינטערעסאנט צו זען דעם אויסגאנג למעשה, ווען אפילו די גרעסטע עקספערטן ווערן איבערראשט פונעם מארקעט, ווען זאכן שטעלן זיך אויס גענצליך אנדערש ווי זיי האבן געטראכט.

אסאך מאל וואונדערן זיך די סוחרים פארוואס מענטשן זענען גרייט זיך צו לאזן קאסטן שווערע געלטער פאר געוויסע חפצים וואס זיי האלטן אז עס איז פיל וויניגער ווערט, אבער זיי דארפן דאן געדענקען אז זיי זענען טאקע די עקספערטן, אבער די ענדגילטיגע שאצונג ליגט ביי דעם וואס איז גרייט צו צאלן דאס געלט...

**די יעצטיגע הייליגע**

# ירושה צוטיילונג

**● אלס אן אנטיק סוחר לאזט זיך גלייבן אז איר האט געכאפט א בליק אויף די חפצים וואס מען האט צוטיילט, און ווי אזוי עס איז געשאצט געווארן. וואלט איר עס אויך אזוי געשאצט?**

קוקט, עס איז באמת נישט שיין און נישט דיפלאמאטיש אריינצורעדן אויף עפעס וואס א צווייטער שאצער האט אפגעשאצט, אבער איך קען נאר זאגן ווי אזוי איך קוק עס אן, ווי אזוי איך באטראכט די חפצים, און ווי אזוי עס איז צוטיילט געווארן.

עס זענען דא זאכן וואס וואלטן אינעם אלגעמיינעם מארקעט געווען ווערד פיל מער ווי עס איז געשאצט געווארן אין די ירושה-שאצונג, און עס זענען דא זאכן וואס וואלטן געדארפט ווערן געשאצט פאר ווייניגער.

אין מיין מיינונג איז די שאצונג שטארק באזירט געווארן אויף וויפיל ווערט עס טראגט ביי די משפחה, אלס אייניקלעך פון די צדיקים וקדושי עליון פון וועמען די חפצים קומען, און אלס קינדער פון רביה"ק הברך משה זי"ע וועמענס ירושה מען צוטיילט ווערט דער ירושה-שאצונג געוועהנליך געשאצט אנדערש ווי אין די אלגעמיינע גאס.

**● וועלכע חפצים אין די ירושה וואלטן אין די אלגעמיינע גאס געטראגן די מערסטע ווערט?**

עס איז קלאר אז די טייערסטע חפצים זענען: די הייליגע ר"ת תפילין פונעם קדושת יו"ט, דער בריוו פונעם הייליגן צאנזער רב צום קדושת יו"ט איבער זש"ק, דער בריוו פון הייליגן ישמח משה זי"ע וואס איז משביע די מלאכים. דער מגילה פונעם קדושת יו"ט, און דער מנורה פונעם קדושת יו"ט.

**● וואס איז אייער בליק איבער דעם היסטארישן ווערד פון דעם בריוו, אז עס ווערט פארערכנט אלס איינע פון די מערסטע ווערדפולע חפצים אין דער ירושה?**

פאר סאטמארער חסידים דארף מען נישט מסביר זיין די ווערד פון דעם בריוו, וואס איז באקאנט מיט די הייליגע ווערטער "בצפיותינו צפינו". דער בריוו ווערט באטראכט אלס די הייליגע הבטחה אויף די "שני המאורות הגדולים" וואס זענען ארויסגעקומען א דאנק די ברכה פון הרה"ק דער עצי חיים זי"ע און רביה"ק זי"ע.

אבער אפילו אין די אלגעמיינע גאס איז א בריוו פון צאנזער רב א גאר טייערע זאך. איך וואלט געשאצט אז אינדרויסן פון סאטמאר ווערט דער בריוו פונעם דברי חיים באטראכט נאך מער ווערדפול אפילו פון די תפילין פונעם הייליגן קדושת יו"ט □ וואס דער רבי זי"ע און דערנאך דער ברך משה זי"ע האבן געלייגט אלע יארן און ווערט באטראכט אלס א גאר הייליגע זאך.

דער צאנזער רב ווערט באטראכט אלס דער 'רבי' פון א גרעסערן פראצענט חסידישע אידן ווי דער קדושת יו"ט, וואס דאס מאכט עס אויטאמאטיש פאר א מער ווערדפולן חפץ. אבער נאכאמאל, איך רעד נישט לגבי די ירושה זעלבסט, נאר כלפי די ברייטע גאס.

**● וועלכע חפצים אדער ספרים צווישן די ירושה איז לויט אייער אונטערגעשאצט און טראגט א באזונדערן ספעציעלן חשיבות?**

לכאורה דער ספר אור החיים הקדוש דפוס ראשון, וואס שטאמט פון הייליגן שינאווער רב זי"ע. דאס איז א גאר טייערער און ווערדפולער חפץ, און אין דער אלגעמיינער גאס וואלט מען זיכער באצאלט דערפאר אסאך מער. זיכער איז דאס אזוי אין דעם פאל ווען דער ספר האט באלאנגט פארן שינאווער רב וואס האט עוסק געווען דערין, וואס דאס גיט צו דערצו גאר אסאך חשיבות.

בדרך אגב, איז אינטערעסאנט צו צוצייכענען וואס שטייט אין פילע ספרים הקדושים אז עס איז טובה פאר די נשמה ווען מען צעטיילט די ירושה, דעריבער איז דאס א גרויסע שמחה אז מען האט צעטיילט די ירושה און וועט שאפן א נחת רוח פאר די נשמה פון רבי'ן דער ברך משה זצ"ל בגנזי מרומים. עס איז ווערט צו דערמאנען איידער מיר שליסן דעם שמועס, אז דער הייליגער שינאווער רב זי"ע אין דברי יחזקאל, פרשת בהר, אויפן פסוק והתנחלתם אותם לבניכם אחריכם וכו', זאגט ער דארטן אז ווען מען נוצט אייגענע חפצים דארף מען דאס נוצן בקדושה, אז עס זאל בלייבן פאר די קינדער א קדושה אויף שפעטער, דאס איז טאקע וואס מען שפירט ווען מ'זעט די הייליגע ירושה פון אט די צדיקים מצוקי ארץ. עס איז ווערט ארייננצוקוקן דארטן אין הייליגן ספר.

**● א גרויסן יישר כח פאר אייער צייט און פארן רייכן שמועס.**



הר"ר אביגדור שלום שווארטץ הי"ו,
יו"ר עתיקים

# אומשאצבאר

עס איז מיר צוגעטיילט געווארן די זכי' צו מסדר זיין און צו אפשאצן די כתבים, ספרים און חפצים פון דער הייליגער ירושה. גאר אסאך שעות זענען אריינגעלייגט געווארן אין טאן דער הייליגער ארבעט; עס האנדלט זיך פון חפצים יקרי ערך און יקרי המציאות, וואס מ'קען זאגן אז זייער אמת'דיגער ווערד איז אומשאצבאר.

איבערהויפט ווען מען קוקט אויף "חבילה א'", די חבילה וואס איז נפל בגורלו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, איז דאס באמת דאס מערסטע ווערדפול פון אלעס. אין דער וועלט פון אנטיק ביי חובבי עתיקי"ם איז די דאזיגע חבילה די שענסטע און טייערסטע חבילה וואס איז נאר געווען, און עס איז מיר אויסגעקומען מיטצוהאלטן די שטארקע תשוקה וואס דער רבי שליט"א האט געהאט זוכה צו זיין אין דער חבילה.

איך מיין עס איז איבריג צו פארציילן איבער דעם מכתב קודש פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע – דער בריוו מיט די ברכה פארן הייליגן קדושת יו"ט זי"ע "בצפיותינו צפינו" אז ער זאל זוכה זיין צו זרע ברך ה'. איך גלייב אז ווען מען שטעלט ווען ארויס

דעם מכתב אויף א ליציטאציע, וואלט זיך דאס פארקויפט פאר א מינימום פון א מיליאן דאלער; דאס איז דאך ווערד כל הון דעלמא.

ווען מען רעדט פון שאַצן, איז וויכטיג צו באטאנען א יסודות'דיגן כלל. אונזער ארבעט איז געווען צו שאצן יעדן חפץ אדער מכתב לויט דעם ווערד מיט וואס מען וואלט עס אנגעהויבן ביי א אוקשען, אבער נישט לויט וויפיל די ענדגילטיגע פרייז קען דערגרייכן; דאס קען מען נעמליך נישט אויסרעכענען פון פריער. עס מאכט זיך אפט ביי פילע חפצים אדער מכתבים וואס ווערן פארקויפט פיל מער ווי געראַכטן. אזא מכתב קודש פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע – א בריוו וואס טראגט מיט זיך א היסטארישע און רוחניות'דיגע באדייטונג – איז דער פאסיגער חפץ צו דינען אלס משל, וואס קען זיך פארקויפן פאר פול מער ווי דער געשאצטער סכום.

נאך א היסטארישער חפץ געפינט זיך אין "חבילה א'", און דאס איז דער בעקיטשע פונעם הייליגן עצי חיים זי"ע. דער בעקיטשע איז ממש דער איינציגסטער חפץ של צדיק וואס איז דא בנמצא היינט צוטאגס וואס איז מיוחס צום עצי חיים. עס זענען נישט געבליבן קיין אנדערע חפצי קודש, אויסער די ספרים און סידורים וואס ליגן ביי די איינקלעך – למשל דער תפלה ישרה וואס געפונט זיך ביים רבי'ן שליט"א נאך מימי בחרותו – אבער אלס א "חפץ" איז דאס דער סאמע איינציגסטער וואס איז איבערגעבליבן.

גאר ספעציעל און חשוב איז דער ספר אור החיים הקדוש, דפוס ראשון, וואס איז מיוחס צום הייליגן שינאווער רב זי"ע און איז באנוצט געווארן דורכ'ן הייליגן רבי'ן זי"ע. דער ערשטער דרוק פונעם אור החיים הקדוש ווערט גערעכנט אלס א באזונדער יקר המציאות'דיגער ספר אין די אנטיק-וועלט, אבער דא רעדט מען דאך פון א באנד וואס איז מיוחס צום הייליגן שינאווער רב, וואס דאס איז שוין מוסיף נאך שטערקערע חשיבות און ספעציעלקייט צום דעם באנד.

דער באנד איז געדרוקט געווארן דורכ'ן הייליגן מחבר אליין, וואס מיר האבן נישט קיין מינדסטע השגה בגודל קדושתו וצדקתו. דאס איז א גרויסער, דיקער און הויכער באנד, און געפינט זיך אין א פארהעלטניסמעסיג גוטן צושטאנד.

לויט די השערה וואס מיר האבן אנגענומען, איז דער באנד אנגעקומען צום רבי'ן זי"ע דורך דעם באקאנטן מומחה אין אנטיק, הרה"צ ר' חיים שנעעבאלג ז"ל. ער איז געווען זייער נאנט צום רבי'ן און פלעגט אפט ברענגען פאר'ן רבי'ן אסאך אלטע ספרים און כתבים. ער איז געווען א מומחה עצום און אלע זיינע זאכן זענען געווען מקורות'דיג אויסגעהאלטן. אינעם באנד איז אנגעצייכנט אז דאס האט באלאנגט פאר'ן שינאווער רב זי"ע, און דער דערמאנטער ר' חיים איז געווען א באגלייבטער מקור דאס אנצונעמען.

נאך א טייערער ארטיקל אין חבילה א' איז דער הייליגער סידור פון הרה"ק רבי ישעי'לע טשעחויבער זי"ע. א סידור פון א צדיק פארמאגט א פילפאכיגע חשיבות פיל מער ווי אנדערע ספרים, כל שכן וכל שכן ווען דא איז נישט די רעדע פון א פשוט'ע סידור, נאר פון א "אויסגעדאווענטע סידור".

דעם סידור האט אן איינקל פון רבי ישעי'לע זי"ע געשאָנקען פארן רבי'ן אלס מתנה נאכן קריג. דער סידור איז געווארן געדרוקט אין זיטאמיר בשנת תרכ"ה, וואס איז זעלבסט א יקר המציאות היינטיגע צייטן, און בפרט אז רבי ישעי'לע האט דאס גענוצט ביי זיין הייליגע "עבודת התפילה".

עקסטער איז פארהאן אן אור אלטער סידור יעב"ץ, וואס קומט מעזבונו פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע. לעצטנס האבן מיר פארקויפט ביי אונזערע עתיקים ליציטאציע א סידור יעב"ץ פאר גאנצע 175 טויזנט דאלער; דא האבן מיר עס געשאצט פאר פופציג טויזנט דאלער, וואס דאס איז געווען די פרייז ביים אנהייב פונעם ליציטאציע, וואו מען רופט עס 'סטארטינג ביד', ס'איז זיכער א יקר הערך וואס ס'איז א זכי' צו קענען באזיצן.

דער עיקר איז אז די אלע צדיקים זאלן מגין זיין אויף אונז מיט אלעם גוטן, אמן.



הר"ר אלימלך לאנדא הי"ו
תורה אוקשענס

# מה יפה ירושתינו

די יעצטיגע היסטארישע חלוקה טראגט מיט זיך א גאר היסטארישן באדייט אין דער וועלט פון אנטיק, און מען זעט א שטארקן דורשט ביים היימישן ציבור צו הערן מער איבער חפצי קודש און ספרי קודש פון אונזערע הייליגע רבי'ס.

טאקע צוליב דעם איז וויכטיג דער ציבור זאל אביסל פארשטיין וויאזוי דאס גייט צו, נאך דעם וואס פילע אידן אינטערעסירן זיך איבער חפצים פונעם רבי'ן זי"ע, זעענדיג אויף די רשימות חפצים וואס זענען דא צו באקומען פאר גאנץ עפאדערבעל פרייזן. דעריבער איז וויכטיג אביסל צו מסביר זיין די סיסטעם וויאזוי דאס פארקויפן אנטיק זאכן ארבעט.

אנטיק ווערט געוועגליך געשאצט לויט "סופליי און דימענד", דאס הייסט לויט וויפיל עס איז פארהאן פונעם ספעציפישן חפץ אדער ענליכע זאכן. עס קענען זיין פילע ספרי קודש פון תלמידי בעש"ט וואס זענען גאר הייליג און טייער, אבער אויב זענען פארהאן עטליכע דערפון אדער אויב עס איז אין א שוואכן צושטאנד, פארלירט עס איר ווערד. אנדערש איז אבער געווען מיט דער יעצטיגער חלוקת הירושה; מען האט טאקע פרובירט צו שאצן לויט די מארקעט פרייזן, אבער עס האט געמוזט גיין מיט א געוויסן אייגנארטיגן שאץ, וויבאלד מען האט געזוכט צוצוטיילן די ירושה אין פיר גלייכע חבילות. דאס באדייט אז געוויסע זאכן זענען זיכער געשאצט געווארן אויף ווייניגער ווי דער ריכטיגער מארקעט ווערד, און פונקט אזוי

זענען פאַרהאַן געוויסע חפצים וואָס זענען געשאַצט געוואָרן העכער פונעם עכטן ווערד, ווייבאַלד פאַר די פיר חבילות איז דאָס געווען דער פאַסיגסטער פּרייז.

דערנאָך איז דאָ נאָך אַ וויכטיגער פונקט, וואָס דאָס איז דער מקור פאַר יעדע זאַך. וואָס אַ חשוב'ער און קלאָרער מקור אַ חפץ פאַרמאָגט, אַלס טייערער און מער ווערטפול איז עס אויפן מאַרקעט. ביי די ירושה פון מרן הברך משה זי"ע האָבן כמעט אַלע חפצים פאַרמאָגט דעם ספּעציעלן חשיבות, אַז אַלעס האָט געהאַט אַ מקור מוסמך פון וואו דאָס קומט. זייער אַסאַך זאַכן האָט מען געוויסט אַלע יאָרן פונעם רבי'ן זי"ע, און אַנדערע זאַכן האָט מען געוויסט פונעם רבי'ן דער ברך משה זי"ע; דאָס זעלבסט שענקט פאַרן גאַנצן ירושה אַ ספּעציעלע חשיבות און עס טראָגט זיכער אַ פיל העכערן ווערט.

יעצט, מיט דער היסטאָרישער חלוקה, הערט מען פון אַסאַך היימישע אידן וואָס אינטערעסירן זיך אין כתבי קודש פון הייליגע צדיקים און רבי'ס. עס איז טאַקע פאַרהאַן גאָר אַסאַך זאַכן וואָס מ'קען זיך איינהאַנדלען, וואָס האָט זיכער אַ שטאַרקע חשיבות און איז מסוגל לשמירה ולברכה דאָס צו האָבן אינדערהיים. כל הקודם זכה.

אין די יעצטיגע טעג גרייטן מיר זיך בס"ד צו אַ ליציטאַציע אויף פילע אינטערעסאַנטע חפצי קודש פון רביה"ק זי"ע, וואָס וועט פאָרקומען קומענדיגן זונטאָג שלח הבעל"ט.

חובבי אַנטיק קענען זיך איינשרייבן מיטצוהאַלטן דעם זעלטענעם אויספאַרקויף מיט פילע אינטערעסאַנטע חפצים און כתבים.

צווישן די חפצים איז פאַרהאַן, אַ בריוו פון רבי'ן מיט אַסאַך ברכות, אַ בריוו פון רבי'ן דער ברך משה זי"ע, געשריבן אויף אַ חתונה-הזמנה צו כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל, און אויך אַ ספר קדושת יו"ט פון דעם דרוק וואָס דער רבי זי"ע האָט געלאָזט דרוקן דאָהי אין אַמעריקע, בשנת תשט"ז, דער באַנד פאַרמאָגט אַ ברכת הקודש פון רבי'ן זי"ע פאַר אַ חתן, פאַר וועמען ער האָט דאָס געשאָנקען במתנה.



**הר"ר משה דימשיץ הי"ו**
**דימשיץ אָקשענס**

איך האָב די זכי' עוסק צו זיין בקדשים, צו קויפן און פאַרקויפן כתבי ידות פון אבותינו ורבותינו הקדושים זכותם יגן עלינו. די יעצטיגע חלוקה בחצר הקודש סאַטמאַר טראָגט מיט זיך אַן אויסטערלישע חשיבות; זייענדיג אַליין אַריינגעטון אין דעם פעלד, איז עס פאַר מיר ספּעציעל חשוב, טראָץ וואָס די אַלע זאַכן זענען נישט אַרויס צום ברייטן מאַרקעט.

צווישן די חבילות געפינען זיך זייער טייערע חפצים פון פריערדיגע צדיקים, אַסאַך זאַכן וואָס זענען ממש נישט בנמצא, ספּעציעל ווען עס רעדט זיך פון אַ "דפוס ראשון". די חשיבות פון אַ ספר דפוס ראשון איז באַקאַנט, ווייבאַלד דעמאָלט האָט דער צדיק דער מחבר נאָך געלעבט און אַליין מגלה געווען די חלקי התורה אויף דער וועלט. דאָס איז נאָך פיל מער חשוב היינטיגע טעג, ווען עס איז פאַרהאַן בלויז אַ קליינע צאָל פון די דפוס ראשון אויסגאַבעס.

גאָר חשוב זענען די מכתבים און כתבים, ספרים און חפצים פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע. מען מוז פאַרשטיין אַז טראָץ וואָס דער רבי זי"ע האָט אַסאַך געשריבן און ער האָט געלעבט קנאַפּע פופציג יאָר צוריק - וואָס דאָס באַדייט אַז די חפצים זענען נישט אַזוי אַלט - דאָך טראָגן די חפצים אַן אויסטערלישע הויכע שוויות, וואָס מ'זעט נישט ביי קיין איינע פון די פריערדיגע גדולים פון סיי וועלכע קרייז. נישט ביי די ראשי ישיבות פונעם פריערדיגן דור, און נישט ביי מקובלים, צדיקים אָדער חסידישע רבי'ס. די פּרייזן וואָס מענטשן זענען גרייט צו צאָלן פאַר חפצים פונעם הייליגן רבי'ן איז די העכסטע פון סיי וועלכע אַנדערע רבי'ס און גדולי ישראל אין אַן ענליכן גאַטונג צום רבי'ן זי"ע; נישט אין קדושה, וואָס אין דעם האָבן מיר נישט קיין שום ידיעה, נאָר בעיקר צוליב די צייט און די צאָל וויפיל ס'איז איבערגעבליבן.

איך האָב געהאַט די זכיה אָפּצוקויפן אַ ריזיגן טייל פון די כתבי ידות, מכתבים, חפצים און תשמישי קדושה פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, מאוצרו פון הר"ח הישיש ר' לייבל פריעדמאַן שליט"א, סגן ראה"ק דקהל יטב לב ברוקלין, וועלכער איז לאַנגע יאָרן געווען דער גרעסטער זאַמלער פון דעם רבי'נס חפצים. בשנת תשע"ט האָט ער פאַרקויפט אַ גרויסן טייל פון זיין זאַמלונג, און איך האָב אויסגעקויפט רוב פון זיין אוצר.

זינט דעמאָלט פאַרמאָג איך גאָר אַסאַך היסטאָרישע חפצים פונעם רבי'ן און איך האָב אַ שטאַרקע באַקאַנטשאַפט אין דעם רבי'נס זאַכן. עס איז ממש נישטאָ בדומה לו אין די היינטיגע וועלט, ווי חשוב און טייער דאָס אַלעס איז.

באַזונדער טראָגט אַ שטאַרקע חשיבות דער הייליגער מכתב קודש פונעם הייליגן דברי חיים זי"ע צום הייליגן קדושת יו"ט, יעדער סאַטמאַרער חסיד ווייסט און האָט קענען געלערנט דעם הייליגן בריוו, וואָס אין דעם איז תלוי די גאַנצע המשכת הדורות פון משפחת עצי התמרים ביזן היינטיגן טאָג.

מען מוז פאַרשטיין אַז יעדער בריוו פונעם צאַנזער רב זי"ע האָט אַ געוואַלדיגע חשיבות, בפרט ווען דאָס איז אַדרעסירט צו זיין באַליבטן תלמיד, דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע, וואָס דאָס אַליין איז שוין יקר הערך. איבערהויפּט אַז דאָס איז אַ ברכה פון וואו עס איז אַרויסגעקומען די זרע ברך ה', דער עצי חיים אינאיינעם מיטן רבי'ן זי"ע.

איך וועל זאָגן אָפן, איך בין אין די אַנטיק ליין צוליב ביזנעס, אָבער אַזאַ מכתב עפנט אויף ספּעציעלע געפילן-קעמערלעך; עס איז ווערד כל הון דעלמא, און מען קען שווער אָפּשאַצן דעם ריכטיגן ווערט דערפון.




# חבילה א

- גאלד הדסים - רביה"ק זי"ע משנת תשכ"ז
- בית'לעך של זהב מתפילין רש"י - מרן הברך משה זי"ע
- לוח של זהב יארצייטן
- גאלד טאשען זייגער עם דעקל, מרן הברך משה זי"ע #500
- גאלדענע מעסער, 525
- גאלדענע מזוזות
- גאלדענע מזוזות
- גאלדענע מטבע נתברך מרביה"ק זי"ע
- קליינע ספר תורה - ברך משה - הקפות
- טיש בעקיטשע מהגה"ק העצי חיים זי"ע
- שטריימל מרביה"ק זי"ע
- תפילין רש"י - מרן הברך משה זי"ע
- ווייסע וועסטל מרביה"ק זי"ע
- ווייסע הויזן מרביה"ק זי"ע
- הוט מרביה"ק זי"ע
- טאש טיכל מרביה"ק זי"ע - תפורים האותיות JT
- זאקן מרביה"ק זי"ע
- תפילין ר"ת בבית מרן הברך משה זי"ע (מ. מ. ב.) - כת"י הרב ש"ל זאלדאן
- מכתב מהגה"ק הדברי חיים זי"ע למרן הקדושת יו"ט - "בצפיותנו צפינו וכו"
- מכתב המלצה מהייטב לב זי"ע
- כת"יק שו"ת מהגה"ק החכם צבי זי"ע
- שו"ת מרביה"ק זי"ע (כת"יק) ט' עמודים - לחתנו הגה"צ מהרי"י ט"ב מסיגוט זצ"ל
- מכתב הגה"ק ר' מרדכי דוב מהארניסטייפל זי"ע להעצי חיים
- מכתב העצי חיים זי"ע להנהגות הכובש
- מכתב העצי חיים זי"ע לר' יעקב רויז ור' יעקב יצחק צימענד
- מכתב הקדושת יו"ט זי"ע לר' יוסף פרענקל
- מכתב רביה"ק זי"ע לר' לייב יאסאוויטש ראה"ק בעיר סיגוט
- תנאים ממרן הברך משה זי"ע עם הרבנית פעסיל לאה ע"ה בעיר סיגוט
- מכתב הרבנית רוזא בלומא ט"ב מציעשנוב לאמה הרבנית הצ'
- חידושי תורה כת"יק מרן רבינו זי"ע
- חידושי תורה כת"יק מרן רבינו זי"ע
- מכתב הגה"ק המנחת אלעזר ממונקאטש זצ"ל
- שער של ס' ייטב פנים דפו"ר עם חותם שייך למרן המחבר הקדוש בעל ייטב לב זי"ע
- מכתב רביה"ק זי"ע - כתב אישור לר' יעקב יצחק צימענד
- מכתב שו"ת מהברון - מצורף מכתב הגה"צ מהרי"י ט"ב מסיגוט זצ"ל
- חידושי תורה כת"יק מרן רבינו זי"ע
- מכתב הגה"צ רבי חיים יצחק אייזיק ה"ש מסלאטפינא
- מכתב הגה"צ רבי חיים יצחק אייזיק ה"ש מסלאטפינא
- מכתב הגה"צ רבי חיים יצחק אייזיק ה"ש מסלאטפינא
- אור החיים דפוס ראשון ז'יטומיר - נרשם שייך למרן הדברי יחזקאל משינאווא זי"ע - 1
- סידור אור לישרים זיטאמיר תרכ"ה - עם חותמת הרה"ק ר' ישעי' מטשחויב זי"ע
- סידור יעב"ץ מרן רביה"ק זי"ע - 9
- שפע טל ומנח חן - תע"ט/שע"ב - שייך להרה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע - 5
- משניות יכין ובועז י"ג כרכים מרביה"ק זי"ע - 13
- ראשית חכמה - מעזבון הייט"ל, קוייט"ל, ורביה"ק נתנו לדו"ד לר' יצחק אייזיק בלוי תרס"ד - 17
- הגדה של פסח מעלה בית חורין, ווין - רביה"ק זי"ע - חותמת מקראלי
- אהל יעקב להמגיד מדובנא דפוס ראשון - עם חתימת הייטב לב - 21
- קהלת יעקב להחוות דעת לבוב תקצ"ד - מרביה"ק - ה' חתימות ייט"ב וחתי' בני ר' משה יוסף מאהעל - 25
- רגל ישרה לעמבערג - מרביה"ק - ג' חתימות הייטב לב מלאות וה' חתימות ייט"ב - 26
- תלמוד ירושלמי ג"כ זיטאמיר תרכ"ז - מרביה"ק זי"ע - בכרך א' יש חותמת העצי חיים - 27
- תיקוני זוהר מונקאטש תרס"ג - מרביה"ק זי"ע - 37
- תלמוד בבלי ש"ס נ"י תשנ"ה כ"כ - מהברך משה - 51
- ישמח משה בראשית שמות סיגעט תרנ"ח - חותמת רביה"ק - קראלי
- ברכת אברהם ליק תר"ט, עם חתימותייט"ב ושייך להייטב לב
- ישמח משה ב"כ ברלין תרפ"ח - מרביה"ק זי"ע - 61
- מבשר צדק פרעמישלא תרלא - מרביה"ק זי"ע ועזבון הקדושת יו"ט - 102
- מקור חיים-לחם ושמלה, זאלקווא/לבוב תקצ"ו-תרכא - מרביה"ק זי"ע ועזבון הקדושת יו"ט - 103
- שו"ת כתב סופר פרעשבורג תרלט - מרביה"ק זי"ע ועזבון הקדושת יו"ט - 104
- מסכת כתובות - חסר שער - מרביה"ק זי"ע - 105
- שו"ת הרשב"א וויען תקעב - מהברך משה ועזבון הקדושת יו"ט - 109
- דרך פקודיך ממרן הברך משה זי"ע ועזבון הקדושת יו"ט - 110
- מסכת סנהדרין טשערנאוויץ תרג - מרביה"ק זי"ע - 88
- מסכת שבועות טשערנאוויץ תרג - מרביה"ק זי"ע - 89
- תבואות שור - ממרן הברך משה זי"ע ועזבון הקדו"ט עם חותמתו, אולי מעזבון הייטב לב - 111
- נ"ך ח"ד טשערנאוויץ תרב - מרביה"ק זי"ע - 64
- זוהר חי ג"כ פרעמישלא תרלח - מרביה"ק זי"ע - 112
- מטה אפרים ווארשא תרלד - מרביה"ק זי"ע - 114
- חק לישראל שמות-ויקרא-דברים ג"כ לעמבערג תרמח - מרביה"ק זי"ע - 115
- דברי חיים ירושלים תש"ו - מרביה"ק זי"ע - 116
- האשכול הבלרשטאט תרכ"ח - מרביה"ק זי"ע - ספק ייט"ב - 134
- אור החיים ווארשא תרנ - מרביה"ק זי"ע - 137
- שו"ת דברי חיים ב"כ לבוב תרלה - מרביה"ק זי"ע - 138
- ווייסע גארטל ישן ברך משה
- קיטל מרן הברך משה זי"ע - עטרות של כסף
- שטריימל - 360
- זילבערנע שטעקן - 118
- מענטעלע פאר ס"ת זילבערנע - שלמה יודא בראך - 383
- טלית מימות החול - 6 רייע עטרה - 113
- טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 61
- טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 62
- טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 63
- טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 65
- שווארצע סטראקעס בעקיטשע - 7
- טיש בעקיטשע טינקעלע - שבת - 46
- סאמעט גארטל שווארצע שבת C-388
- רעזשוואלקע - 11
- טיש בעקיטשע טינקעלע - 39
- טיש בעקיטשע טינקעלע - 41
- טיש בעקיטשע טינקעלע - 43
- מה נשתנה קישן ציך - 386
- טיש בעקיטשע זומער - 21
- טיש בעקיטשע טינקעלע - 42
- טיש בעקיטשע טינקעלע - 44
- ווייסע סוועטער
- ווייסע הויזן - A-365
- טיש בעקיטשע גארטל 369 - 10
- טיש בעקיטשע גארטל 369 - 11
- טיש בעקיטשע גארטל 369 - 12
- שווארצע קאפל - A-376
- הוט
- צוויי פאר ווייסע זאקן A-374
- צוויי אויגן גלעזער - A-417
- העמד - A-371
- טאש טיכל - A-377
- הויזן טרעגער - A-385
- פארקער פען - מרן הברך משה זי"ע
- פארקער פען - מרן הברך משה זי"ע
- מזומנים קעש

# חבילה ב

- גאלד בעכער מיט טאץ - מיט דעקל - רביה"ק משנת תש"ד
- גאלד בעכער מיט טאץ - מרן הברך משה זי"ע - 502
- גאלדענע מעסער, 526
- גאלדענע מזוזות
- גאלדענע מזוזות
- גאלדענע מטבע נתברך מרביה"ק זי"ע
- תפילין דר"ת של הקדושת יו"ט ורביה"ק זי"ע - של ראש כת"י ר' שמואל סופר מסיגוט
- שטריימל מרביה"ק זי"ע
- אקדמות על קלף - חנינא בן מלכה מאלא ואלצער - כריכת עור - רביה"ק וברך משה
- ספר תורה קרית יואל - לע"נ הרה"ק ר' שלום אליעזר מראצפערט זי"ע - היכעס פסול
- שני טאש טיכל'עך מרביה"ק זי"ע - תפורים האותיות JT
- הוט מרביה"ק זי"ע
- זאקן מרביה"ק זי"ע
- מכנסים תחתונים מרביה"ק זי"ע
- כת"יק מהגה"ק הישמח משה זי"ע - דף בכת"יק עניני השבעת מלאכים
- מכתב הקדושת יו"ט זי"ע - בענין שידוך
- כתב הרבנות מקאל יטב לב דסאטמאר - תש"מ
- מכתב העצי חיים לז' הרבנית הצ'
- מכתב הגה"ק ר' מרדכי דוב מהארניסטייפל זי"ע להעצי חיים
- כת"יק על הגאולה ועל התמורה מרביה"ק זי"ע - 2 עמודים
- תשובה מרביה"ק למרן הברך משה זי"ע - תש"ח - כ' עמודים
- מכתב רביה"ק אחר הסתלקות אחיו העצי חיים זי"ע
- חתימת הייטב לב זי"ע על דאקומענט באונגאריש
- מכתב הרבנית הצדיקת ברכה סימא טייטלבוים זצ"ל
- כתובה ממרן הברך משה זי"ע עם הרבנית פעסיל לאה בעיר סיגוט
- חידושי תורה כת"יק מרן רבינו זי"ע
- חידושי תורה כת"יק מרן רבינו זי"ע
- מכתב הגה"צ רבי חיים יצחק אייזיק ה"ש מסלאטפינא
- מכתב הגה"צ רבי חיים יצחק אייזיק ה"ש מסלאטפינא
- דאקומענט אישור לרבנות מהממשלה למרן הברך משה זי"ע - עיר סיגוט תש"ה
- חידושי סוגיות הגה"ק העצי חיים - כת"י א' התלמידים
- ש"ס - ירושלים תש"ט - מרביה"ק זי"ע - 2
- תורת חיים תצ"ד - מעזבון הישמח משה והייטב לב - 6
- חידושי מהר"י בן לב ומהרש"ך ווילהרמרשדארף ת"פ - מעזבון הישמח משה והייטב לב - 10
- סליחות לשליח ציבור גדול מלכיה"ק זי"ע - 14
- תיקוני זוהר סלאוויטא תקפ"א - מרביה"ק זי"ע - 18
- מגיד מישרים להב"י אמסטרדם - עם חתימת הייטב לב ואולי חתימת רביה"ק בימי ילדותו - 22
- סידור יעב"ץ קארעץ תקע"ו - מרביה"ק זי"ע - 29
- רי"ף פרעשבורג תקצ"ו מרביה"ק ועם הגהות הייט"ל וחתי' ייט"ב אחר הגה א' - 28
- חידושי הרמב"ן זאלקווא תקפח - מרביה"ק ועזבון הקדו"ט עם חתימתו - 42
- מזרחי ווארשא תרכב ב"כ - מרביה"ק זי"ע - 44
- שולחן ערוך י"כ - מרביה"ק זי"ע - 41
- תיקוני זוהר ע"פ באר לחי רואי מונקאטש תרס"ט - מעזבון רביה"ק זי"ע - 39
- סידור תפלה ישרה תש"ד - יצחק בן חנה שרה - חותמת מרן הברך משה זי"ע על הכריכה
- מסכת בבא מציעא ווילנא תרפה - מרביה"ק זי"ע - 68
- תיקון ליל שבועות - מרביה"ק זי"ע - 70
- אילה שלוחה פשעמיש תרנ"ה - מרביה"ק זי"ע ועזבון הקדושת יו"ט - 100



ווייסע גארטל פון מרן הברך משה זי״ע וואס איז נפל בגורלו פון כ״ק מרן רבינו שליט״א





הר״ר אביגדור שלום שווארץ הי״ו יו״ר עתיקים, גייט איבער מיט כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א די היסטארישע חפצים און ספרים פון חבילה א׳ וואס איז נפל בגורלו פון רבי׳ן שליט״א



די הייליגע בשמים-ביקסלעך פון מרן רביה״ק זי״ע, וואס מרן הברך משה זי״ע האט גענוצט ביים סדר-נאכט בליל התקדש החג, ביים אנקומען לביתו נאוה קודש פון כ״ק מרן רבינו שליט״א




הערליכער לעדערנער באנד אהערגעשטעלט לכבודו פון כ״ק מרן רבינו שליט״א צו איינבינדן די היסטארישע כתבים און מכתבים; מערקט די תפילין און גאלדענע בית׳לעך מיוחס למרן הברך משה זי״ע



דער זילבערנע שטעקן פון מרן הברך משה זי״ע וואס איז נפל בגורלו פון כ״ק רבינו שליט״א; ווערט געזען הר״ר משה יצחק ווערטהיימער הי״ו, וועלכער האט געהאלפן צושטאנד ברענגען די חלוקה

ילקוט אליעזר פרעסבורג תרכד - מרביה"ק ז"ע ועזבון הקדושת יו"ט - 98

נתיבות המשפט מרביה"ק ז"ע ועזבון הקדושת יו"ט עם חותמתו - 101

סמיכת חכמים פרנקפורט תנד - מעזבון הקדושת יום טוב - 95

שו"ת משיב כהלכה קראקא תרמה - מרביה"ק ז"ע ועזבון הקדושת יו"ט - 99

מסכת זבחים טשערנאוויץ תרד - מרביה"ק ז"ע - 90

מסכת חולין טשערנאוויץ תרה - מרביה"ק וחתומו העצי חיים - 91

מסכת בכורות טשערנאוויץ תרט - מרביה"ק ז"ע - 92

רמב"ם נ"י תש"ו ו"כ - מרביה"ק ז"ע - 129

ישמח ישראל נ"י תשטו ב"כ - מרביה"ק ז"ע - 117

מדרש רבה ח"ב - מרביה"ק ז"ע - 118

מטה אפרים - מרביה"ק ז"ע - 119

של"ה ב"כ - מרביה"ק ז"ע - 121

שערי ציון - מרביה"ק ז"ע - 123

תלמוד ירושלמי ירושלים תשיא-תשכז ו"כ - מרביה"ק ז"ע - 131

תנא דבי אליהו - מרביה"ק ז"ע - 124

מחנה חיים - מהברך משה ועזבון הקדושת יו"ט - 140

לבוש בדידשוב תקע"ט - מרביה"ק ז"ע - 127

שו"ת בית יצחק פרעמישלא תרסא - מרביה"ק ועזבון הקדושת יו"ט - 139

תולדות יעקב יוסף לבוב תרכ"ג - מרביה"ק - 141

שו"ת מהר"ם לובלין וניציצה שע"ח - מרביה"ק - 146

שטריימל - ברך משה - 361

כסא של רבינו הברך משה - של חדר הספרים (קוויטל שטוב 550)

אפיקומן בייטל - יצחק צבי יוסף בן חנה - 387

זילברנע שטעקן - 121

סעט ש"ס ניו יארק תש"ד - מרן הברך משה ז"ע - אוהעל קרית יואל

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 56

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 60

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 58

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 59

שווארצע סטראקעס בעקיטשע - 8

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת - 57

סאמעט גארטל שווארצע שבת B-388

רעזשוואלקע - 12

טיש בעקיטשע טינקעלע - 35

טיש בעקיטשע טינקעלע - 36

טיש בעקיטשע זומער - 20

חלה דעקל ברך משה - סיין קטן

טיש בעקיטשע טינקעלע - 32

טיש בעקיטשע טינקעלע - 40

גאלדענע שטעקן - נישט עכט גאלד - ברך משה

ווייסע סוועטער - 69

טלית קטן ברך משה - 375

שופר ברך משה - 378

סידור תפלה ישרה - מרן הברך משה ז"ע - 115

ווייסע הויזן - B-365

פעפעטע הויזן - C-366

טיש בעקיטשע גארטל 369 - 7

טיש בעקיטשע גארטל 369 - 8

טיש בעקיטשע גארטל 369 - 9

שווארצע קאפל - B-376

הוט ברך משה

צוויי פאר ווייסע זאקן B-374

צוויי אויגן גלעזער - B-417

העמד - B-371

טאשן זייגער - מרן הברך משה ז"ע - 395

טאשן טיכל - B-377

פארקער פען - מרן הברך משה ז"ע

ווייסע זאקן - מרן הברך משה ז"ע - 374

עטרה 3 רייע - מרן הברך משה ז"ע - 367

מזומנים קעש

# חבילה ג

גאלד בשמים פישקע - רביה"ק

גאלד - 1 נאפל 1 מעסער 1 קאמפאט לעפל 1 זופ לעפל - ברך משה

גאלד - בעכער מיט טאץ דעקל - פסח - ברך משה

גאלדענע מעסער

גאלדענע מזוזות

גאלדענע מזוזות

גאלדענע מטבע נתברך מרביה"ק ז"ע

שטיק גאלד

ברעקליך גאלד

מגורה של מרן הקדושת יו"ט ז"ע

ספר תורה כת"י ר' אהרן פאללאק - רביה"ק כתב תיבת "בראשית" בשנת תשכ"ב

שטריימל מרביה"ק ז"ע

ווייסע הויזן מרביה"ק ז"ע

הוט מרביה"ק ז"ע

זאקן מרביה"ק ז"ע

טאש טיכל מרביה"ק ז"ע - תפורים האותיות JT

מכתב הגה"ק רבי אלעזר ניסן ז"ע, אודות דין תורה

מכתב הגה"ק הדברי חיים ז"ע, לר' מרדכי צבי שווארץ

מכתב הגה"ק הקדושת יו"ט ז"ע

מכתב העצי חיים ז"ע לר' ישראל מאיר זידלא

מכתב העצי חיים ז"ע לאמו הרבנית הצדיקת ז"ל

מכתב העצי חיים לר' יעקב יצחק צימענד

מכתב הגה"ק משה יוסף טייטלבוים אב"ד אוהעל

מכתב רביה"ק ז"ע להג"ר שלמה ולמן אב"ד סילידיטשעה

כת"יק רביה"ק ז"ע - שו"ת כלי חתימה - ב' עמודים על דף אחד

מכתב רביה"ק ז"ע לר' יעקב יצחק צימענד

מכתב הרבנית רוזא כלוטא ט"ב מציעשנוב לאמה הרבנית הצ'

חידושי תורה כת"יק מרן רבינו ז"ע

חידושי תורה כת"יק מרן רבינו ז"ע

כתב אזרחות (סיטיזנשיפ) למדינת אמעריקא

חידושי תורה כת"יק מרן רבינו ז"ע

מכתב הגה"צ ר' אהרן טייטלבוים זצ"ל אב"ד וואלאווע

מכתב הגה"צ רבי חיים יצחק אייזיק ה"ש מסלאטפינא

מכתב הגה"צ רבי חיים יצחק אייזיק ה"ש מסלאטפינא

חידושי סוגיות על הש"ס להייטב לב ז"ע - כת"י א' התלמידים

מכתב משב"ק הגה"צ מהרי"י ט"ב מסיגוט ר' משה קאהן

ש"ס ווילנא כ' כרכים - מרביה"ק ז"ע - 3

ישמח משה במדבר דברים דפוס ראשון - חתימות הייטב לב וב' הגהות בכת"יק

סידור תפלת נהורא מר' ירחמיאל מפפרשטיחא - עפ"י עדות נכדו ר' שמחה נאטע

משניות יכין ובועז - תשי"ג - מרביה"ק ז"ע

תיקוני זוהר סלאוויטא תקפ"א - מרביה"ק ז"ע

כנסת הגדולה חו"מ - שייך להגאון בעל חק יעקב ואולי גם חתימתו והגהות

ישמח משה ח"ב סיגוט תרנ"ח - מהברך משה וחתימת העצי חיים בחיי אביו הקדו"ט

לחם הפנים פיורדא תקנ"ו - מהברך משה ועזבון הייטב לב עם שבעה חתימות ייט"ב

משנת אברהם ז'טאמיר תרל"ח - מהברך משה ועזבון הייט"ל עם ה' חתימות מלאות וחתי' הרב מלאפאש

תקוני זוהר ע"פ כסא מלך דרושליס - מרביה"ק ז"ע

ספורנו תקפ"ח - מרביה"ק ז"ע ועזבון הייטב לב עם חתימתו

אך פרי תבואה מונקאטש תרלה - מרביה"ק ז"ע ועזבון הקדושת יו"ט ואולי מעזבון הייטב לב

תיקוני זוהר מנטובה שי"ח - מהברך משה

תיקוני זוהר בערעגסאז תרפ"א - מרביה"ק ז"ע

ברכת יעקב אמשטרדם תקמ"ו - מרביה"ק ז"ע ועזבון הייטב לב עם חתימה ייט"ב

נ"ך קהלת משה צ"פ אובן יחורא ב"כ אמשטרדם תפו - מרביה"ק ז"ע

ייטב לב ח"א סיגעט תרל"ה - מרביה"ק ז"ע

סידור עולת תמיד תרנ"ה - מרביה"ק ז"ע

סידור הרש"ש ירושלים תרצ"א - מרביה"ק ז"ע

תיקוני זוהר ע"פ בניהו ירושלים תש"ו - מרביה"ק ז"ע

הלכות גדולות זאלקווי תקעא - מרביה"ק ז"ע - חתימת הג"ר אפרים זלמן מרגליות

תיקון ליל שבועות ווין תרכד - מרביה"ק ז"ע

רזיאל המלאך יאזעפאף תרלג - מרביה"ק ז"ע

עץ חיים ווארשא תרנא - מרביה"ק ז"ע

חומש תורה שלימה ט"כ - מרביה"ק ז"ע

קצות החושן קעניגסבערג - מרביה"ק ז"ע ועזבון הקדושת יו"ט עם חותמת

שו"ת שנות חיים לעמבערג תרסז - מרביה"ק ז"ע

מסכת נדרים טשערנאוויץ תרב - מרביה"ק ז"ע

מסכת בבא מציעא טשערנאוויץ תרה - מרביה"ק ז"ע

סדר משנה פראג תקפ - מעזבון רביה"ק והעצי חיים

שלטי גבורים מנטובה שיב - מרביה"ק ז"ע

כתב סופר מונקאטש תרנו - מרביה"ק ועזבון הקדו"ט - מתנת המו"ל הג"ר שלמה סופר מבעירגעסאז

מטה אפרים ע"פ קצה המטה - מרביה"ק ז"ע

תלמוד ירושלמי נ"י תשי"ט ה"כ - מרביה"ק ז"ע

של"ה רבי ישעי' הורוויץ ב"כ - מרביה"ק ז"ע

רב אלפס ג"כ פרשבורג תקצו - מרביה"ק ז"ע

רמב"ן עה"ת ווארשא תרמא - מרביה"ק ז"ע

זילבערנע שטעקן

טעלעפ ימי חול

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

טיש בעקיטשע טינקעלע - שבת

סאמעט גארטל שווארצע שבת

רעזשוואלקע

טיש בעקיטשע טינקעלע

טיש בעקיטשע טינקעלע

טיש בעקיטשע טינקעלע

זיידענע בעקיטשע וואכן

טיש בעקיטשע זומער

טיש בעקיטשע טינקעלע

טיש בעקיטשע טינקעלע

טלית שבת בייטל

ווייסע הויזן

טיש בעקיטשע גארטל

טיש בעקיטשע גארטל

טיש בעקיטשע גארטל

שווארצע קאפל

הוט

צוויי פאר ווייסע זאקן

צוויי אויגן גלעזער

העמד

הויזן טרעגער

פארקער פען - מרן הברך משה ז"ע

מזומנים קעש

# חבילה ד

גאלד - קליינע ברילינפען פלאש - רביה"ק

גאלד - זאלץ מעסעריל - רביה"ק

גאלד - ברילינפען בעכער מיט טאץ - רביה"ק

גאלדענע מעסער

גאלדענע מזוזות (550)

גאלדענע מזוזות (550)

גאלד טאשען זייגער בלי דעקל, מרן הברך משה ז"ע

גאלדענע מטבע נתברך מרביה"ק ז"ע

ברעקליך גאלד

מגילה של מרן הקדושת יו"ט ז"ע

ספר תורה ר' נחמן יאקאב מיט גאלדענע עצי חיים

שטעקן של כסף מרביה"ק ז"ע

טיש בעקיטשע מרביה"ק ז"ע

מכנסי לבנים עם בענדלעך רביה"ק ז"ע

שני טאש טיכל'עך מרביה"ק ז"ע - תפורים האותיות JT

הוט מרביה"ק ז"ע

זאקן מרביה"ק ז"ע

מכתב הייטב לב ז"ע עם חתימתו - קול קורא נגד הסעמינאר

מכתב הה"ק משינאווא ז"ע להקדושת יו"ט - כולו בכת"יק

מכתב העצי חיים ורביה"ק ז"ע אודות ס"ת של ירושה

מכתב העצי חיים ז"ע להג"ר אברהם יוסף גרינוואלד מחוסט זצ"ל

כתב פיטור מהרבנית רייצא ראבין זוה"ר של הקדו"ט ז"ע עם חתימת הגה"ק ר' משה משינאווא

מכתב העצי חיים להגה"צ ר' יהונתן שטייף זצ"ל

מכתב העצי חיים לר' יעקב יצחק צימענד

מכתב הגה"ק ר' מרדכי דוב מהארניסטייפל ז"ע למרן הקדושת יו"ט

מכתב הרבנית הצ' ברכה סימא ט"ב לבעלה

הגה״ק העצי חיים זי״ע

מכתב משב״ק העצי חיים זי״ע לאחר הסתלקותו עם חתימת הרבנית הצ' ברכה סימא בסופו

מכתב רביה״ק זי״ע להנה״צ ר' שמואל גראס מקראלי

מכתב רביה״ק זי״ע למנהלי עיר גראסווארדיין

כתב מיוחס להגה״ק ר' חיים וויטאל זי״ע (רק העתק)

מכתב רביה״ק זי״ע להאחים ר' מאיר ור' מענדל קרויס ע״ה

חידושי תורה כת״יק מרן רבינו זי״ע

חידושי תורה כת״יק מרן רבינו זי״ע

חידושי תורה כת״יק מרן רבינו זי״ע

מכתב הרה״צ ר' זאב טווערסקי בן הגה״ק ר' פנחס מאוסטילא זי״ע

מכתב הגה״צ ר' יקותיאל יהודא ט״ב אבד״ק סיגוט זצ״ל הי״ד

כתב נזר נשיאות-סגן נשיא מכולל שומרי החומות

מכתב הגה״צ רבי חיים יצחק אייזיק ה״ש מסלאטפינא

מכתב הגה״צ רבי חיים יצחק אייזיק ה״ש מסלאטפינא

כתב צוואה מהרב החסיד רבי יעקב יצחק צימענד ז״ל מטשערצאל

חומש באר מים חיים - ד״כ - תקפ - פאלטש - מרביה״ק זי״ע

ש״ס קטן י״ג כרכים - מרביה״ק זי״ע

משניות יכין ובועז ט״ו כרכים - מרביה״ק זי״ע

סמ״ג - עם הסיפור הידוע י״ג ניסן תש״ד בעיר סאטמאר

מאור ושמש עם חותמות הה״ק משינאווא ובנו הה״ק מסטראפקוב - 20

אגרת שמואל ולקוטא תקס״א עם חותמת הייטב לב

תורת גיטין - עם שתי חתימות הייטב לב והגה

תהלים אמרות טהורות זיטאמיר תרט״ו - מהברך משה

סידור לב שמח אלעסק לעמבערג תרמג - מרביה״ק זי״ע

שו״ת נודע ביהודה ווילנא תרסב - מרביה״ק זי״ע - חתימה יש״ב

שערי גן עדן קארעץ תקסג - ממרן הברך משה זי״ע ועזבון הקדושת יו״ט עם חתימתו

תלמוד בבלי ש״ס נ״י תש״ד כ״כ - מהברך משה

שו״ת תועפות ראם זאלקווא תרטו - שתי חתימות הייטב לב וחתימת הרב מלאפאש

מקראות גדולות בראשית - דברים - מרביה״ק זי״ע

דעת קדושים לעמבערג תרג - מרביה״ק זי״ע ועזבון הייטב לב וחתי' ייט״ב

סדרי טהרה דיהרנפורט - עם חתימה ייט״ב וחתימת חתנו ר' ישראל יעקב יוקל מוואלאווע

דרשות הר״ן פראג תקעא - עם חתימה ייט״ב

שו״ת יד יוסף סיגוט תרלד - ממרן הברך משה זי״ע ועזבון הייטב לב וחתימת הרב מלאפאש

מגן אברהם לובלין תרמ״ו - מרביה״ק זי״ע

ישמח משה א' ישן - מרביה״ק זי״ע

פחד יצחק תרלא - מרביה״ק זי״ע ועזבון הייטב לב עם חתימה ייט״ב

סידור רבי שבתי נ״י תשכ״א - מרביה״ק זי״ע

לחם הפנים - מרביה״ק ועזבון הקדושת יו״ט - שייך למהר״ם שיק והג״ר גד״ו מסאטמאר

סליחות אידיש טייטש - מהברך משה

בית אפרים ווארשא תרס״ד ב״כ - דו״ד לרביה״ק מר ישעי' לעפקאוויטש משב״ק הקדו״ט

מעיין החכמה מונקאטש תרלט - מרביה״ק זי״ע עם חתימה מלאה(?) וחתי' ייט״ב

תולדות אדם ירושלים - ממרן הברך משה זי״ע - מתנה מהמחבר עם חתימתו לר' חביב מצירי

תיקוני זוהר סלאוויטא תקצו - ממרן הברך משה זי״ע

סידור תפילה ישרה פשעמישל תרפ״ט - ממרן הברך משה זי״ע

בת עיני לעמבערג תרלט - מרביה״ק זי״ע ועזבון הקדושת יו״ט

חומש במדבר - מרביה״ק זי״ע

מסכת בבא קמא - חסר שער - מרביה״ק זי״ע

מסכת שבת - חסר שער - מרביה״ק זי״ע

מטה נפתלי תרכה - מרביה״ק זי״ע ושייך להייטב לב

זוהר ג״כ - נ״י תשיר - מרביה״ק זי״ע

תלמוד ירושלמי ירושלים תשנב-תשסז - ז״כ - מרביה״ק זי״ע

שבת טעלעפ - חלק הפנימי מרביה״ק

זילבערנע שטעקן

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

טיש בעקיטשע ליכטיגע - שבת

זיידענע גארטל שווארצע שבת

רעזשוואלקע

טיש בעקיטשע טינקעלע

טיש בעקיטשע טינקעלע

טיש בעקיטשע טינקעלע

זיידענע בעקיטשע וואכן

סידור עמדין בית יעקב - מרן הברך משה זי״ע- לעמבערג - מ. סיגוט - חתימה

חלה דעקל ברך משה - סיין גדול

טיש בעקיטשע זומער

טיש בעקיטשע טינקעלע

טיש בעקיטשע טינקעלע

שופר

טלית ותפילין בייטל

ווייסע סוועטער

גארטל שווארצע געשטריקטע - מרן הברך משה זי״ע

ווייסע הויזן

פעפעטע הויזן

זיידענע שאל - מרן הברך משה זי״ע

קאוטש פון ספרים שטוב - קוייטעל שטוב - B-550

טיש בעקיטשע גארטל

טיש בעקיטשע גארטל

טיש בעקיטשע גארטל

שווארצע קאפל

הוט

צוויי פאר ווייסע זאקן

צוויי אויגן גלעזער

העמד

טאש טיכל

הויזן טרעגער

פארקער פען - מרן הברך משה זי״ע

טאש טיכל - מרן הברך משה זי״ע

מזומנים קעש



קיטל פון מרן הברך משה זי״ע



